יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאַנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

הײנט 10 זײטען

פּרייז 15 גראָשען

נײער פאָלקסבלאַט

№ 295 | Łódź, Niedziela, 24 grudnia 1933 r. | עלפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, זונטאָג ז׳ טבת תרצ״ד | № 295
Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

אורטייל אין גרויסען פּראָצעס

וועגען אונטערצינדען דעם רייכסטאַג

וואַן דער ליבע פאַרמשפט צום טויט

טאָרגלער, דימיטראָוו, פּאָפּאָוו און דאַנעוו — פרייגעשפּראָכען

בערלין, 23 (ספ. טעל.).

היינט 9 אַ זייגער אינדערפריה האָט דער געריכטס־טריבונאַל אין לייפּציג פאַרעפענטליכט דעם אורטייל אין פּראָצעס וועגען אונטערצינדען דעם רייכסטאַג.

פון די 5 בעשולדיגטע איז וואַן דער ליבע פאַרמשפט געוואָרען צום טויט, פאַר מלוכה־פאַרראַט און פאַר אונטערצינדען דעם רייכסטאַג. די איבעריגע 4 בעשולדיגטע טאָרגלער, דימיטראָוו, פּאָפּאָוו און דאַנעוו זענען בעפרייט געוואָרען פון שולד און שטראָף.

די קאָסטען פון פּראָצעס, וואָס פאַלען אויס אויף די בעפרייטע, דעקט דער דייטשער מלוכה־אוצר.

דאָס פאַרעפענטליכען דעם אורטייל, וועלכער איז ערוואַרט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט אין דער העכסטער שפּאַנונג, איז אויך געווען אין דייטשלאַנד דאָס געשפּרעך פון טאָג. אין געריכטס־זאַל זענען געווען זעהר פיל זשורנאַליסטען, פאַרשטעהער פון דער מאַכט און אַ גרויס פובליקום. אין זאַל זענען אויך אַנוועזענד געווען די פאַמיליעס פון די בעשולדיגטע, צווישען זיי די 80־יעהריגע דימיטראָווס מוטער.

דער פאָרזיצענדער האָט פאַרעפענטליכט לענגערע מאָטיווען, אין וועלכע ער האָט געפּרובט צו צושלאָגען די פאַרוואורפען פון אויסלאַנד. בעטאָנענדיג, אַז דער פּראָצעס האָט אַרויסגעוויזען די שולד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין צוגרייטען אַ מלוכה־אַטענטאַט.

די קלאָגער און דאָס געריכט האָבען אַנגענומען, אַז וואַן דער ליבע האָט געהאַט געהילפען ביים אויספיהרען דאָס פאַרברעכען. די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז אַבער אנערקענט געוואָרען פאַר שולדיג; די שולדיגע זענען אַבער נישט ענטדעקט געוואָרען.

פון גאַנצען אורטייל איז צו זעהן, אַז טאָרגלער וועט נישט בעפרייט ווערען, נאָר סיוועט וועגען איהם פאַרפיהרט ווערען אַ פּראָצעס פאַר מלוכה־פאַרראַט צוזאַמען מיט אַנדערע קאָמוניסטישע טוער.

צוליב די פאַרשידענע קלאַגען וואָס האָבען זיך פאַרשפּרייט, אַז די בעפרייטע קאָמוניסטען וועלען דערמאָרדעט ווערען, שרייבט די אויסלענדישע פּרעסע, אַז היטלער האָט געוואָלט אַרויסגעבען אַ בעפעהל, אַז זיי זאָל גאָרנישט געשעהען.

בערן, 23 (ספ. טעל.)

די שווייצאַרישע טעלעגראַף־אַגענטור מעלדעט, אַז דער אַנטלאָפענער פון דייטשלאַנד פּאָליטישער בירגער לייזער קאַפּלאַן האָט אַ בעוואוסטען אַדוואָקאַט אין ציריך געמעלדעט, אַז ער פאַרמאָגט רעוואָלוציאָנערע ידיעות וועגען אונטערצינדען דעם רייכסטאַג; ער ווייס, אַז חוץ וואַן דער ליבע זענען דערין פאַרמישט אויך אַנגעזעהענע היטלעריסטען. קאַפּלאַן איז גרייט אָפּצוגעבען זיינע דערקלערונגען פאַר מלוכה־טריבונאַל, אויב סיוועט איהם גאַראַנטירט ווערען זיין זיכערקייט.

Cukiernie „JÓZEF PIĄTKOWSKI" życzą WESOŁYCH ŚWIĄT swoim bywalcom, odbiorcom, sympatykom, przyjaciołom i znajomym.

M. Przygórski
ערשטקלאַסיגער • דיפּלאָמירטער קירזשנער־אַטעליער
פיהרט אויס אַלערליי פעלץ־אויסאַרבייטונגען
פיינהיטליכע און רעעלע אויספיהרונג
פּעטריקאָווער 37, טעל. 176-34

8־טע, לעדער־בעקליידונג
אַן אויסלענדישער פאַבריקאַנט, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון היטלער־דייטשלאַנד, שטעלט צו אַלערהאַנד לעדער־בעקליידונג פאַר דאַמען, הערען און קינדער, ווי לעדער־יאַקען, לעדער־הויזען, ספּאָרט־וועסטען, קלעטער־וועסטען. איך מאַך אויך די אַלטע אויף אַלטע בעגוועמליך פאַר ניי, נישט צו דערקענען. ביטע זיך צו איבערצייגען! וואָלבאָרסקאַ 22, פראָנט, 2־טער שטאָק, וו. 7. 8769

בעקאַנטמאַכונג.
די ניי־ערעפענטע
קאַוויאַרניאַ „לאָנדאָן"
5/7 זשעלאַזנאַ 5/7
וואָס ווערט געפיהרט דורך לעמעל אָרשטיין
מאַכט בעקאַנט דאָס זי גיט אַרויס טעגליך
פריהשטיג און אָוונטברויט
פון 5 גענג נאָר צו 70 גראָשען
הייסע געטראַנקען ווי טעה, קאַווע, קאַקאַאָ
נאָר צו 15 גראָשען. מילך 10 גראָשען
בעזונדער איז דער בופעט פערזעהן מיט פּעשטשאַק טעלערן און פליישיגע שפּייזען אלעס צו קריזיס־פּרייזען.
מיט אַכטונג קאַוויאַרניאַ „לאָנדאָן", זשעלאַזנאַ 5/7

ערשטקלאַסיגער קירזשנער־אַטעליער

אַנאָנסען אין „נייעם פאָלקסבלאַט" האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג.

מספד מר

רג בעטאָגעמע ישיבת „תורת חיים" פון דעם גאון וצדיק רשכבה״ג מרן חיים הלוי סאָלאָווייציק זצללה״ה אב״ד בריסק־דליטא, אַרדענט אַן מאָרגען, מאָנטאַג, פּ׳ ויחי, שעה 5 אין הילפער שוהל זגיערסקאַ 56 אַ הספד צו די שלשים פון דעם גרויסען גאון וצדיק

מרן משה מרדכי עפּשטיין זצלה״ה

ראש ישיבת סלאָבאָדקאַ נפטר געוואָרען בעיה״ק ירושלים.

מיט דער בעטייליגונג פון: הרב הגאון מוהר״ר משה מנחם סגל, שליט״א ראב״ד דפה, הר״ג הגאון מוהר״ר צבי גליקזאָהן שליט״א ראש ישיבה „תורת חיים" תלמיד של הגאבר״ק בריסק זצלה״ה, הרה״ג מוהר״ר ישראל ליפּמאַן שליט״א ואש ישיבת „תורת חסד", דער גרויסער וועלט־רעדנער, תאם בעצויבערט אַלע געוואָרען, הרה״ג מוהר״ר א״ב זילבערבערג שליט״א מו״ץ בווארשא און דער בעוואוסטער טשלאָנטשאַגלער רעדנער מוהר״ר דוד צבי זילבערשטיין פון תקהלה דפה.

פאַר פרויען רעזערווירט די גאַלעריע. אייננאַבע פריי.

מיט טריבסט און אָהן ווערטער שטעהען מיר ביים אָפענעם קבר פון אונזער טייערען און אונפאַרגעסליכען זיידעשי

שמואל בירנבוים

זיין אַנדענק בלייבט פאַר אונז הייליג און טייער

זיינע געטרייע אייניקלעך. 6169

מודעה.

אַזוי ווי מיטוואָך איז געווען געשריבען אין „נייעם פאָלקסבלאַט" געגען הרב מטושין, אַבער ס׳איז אַלעס „בייקעס" און „ליגענס", ווייל ווי לאַנג איז דען אינגאַנצען, חי לאָדזער עסען לאָדזער פלייש. זייט הרבה״ג ראַ״ח מלאָדז איז נפטר געוואָרען, האָבען חסידים אויפגעהערט צו עסען פלייש אפילו פון לאָדזער מורה הוראות. עטליכע האָבען בסוד נישט געוואָלט עסען לאָדזער שחיטה — נאָר געשיקט קיין כאַינע עקסטרא קויפען פלייש. ס׳איז דאָ עדות אויף דעם פאַרצושטעלען. מיר אַלע קוקען אויף די השגחה פון הרב מטושין, ווייל מיר קענען איהם, אַז ער איז נישט חלילה קיין מכשל הרבים, ער איז דעם אַלטען אַלכסנדרער רבי׳נס הר״י הקדוש אייניקעל. אַז ער זאָגט כשר, קענען 10 שטעט ווי לאָדז אויף סומך זיין. דעריבער דאַרף קיינער זיך נישט אונטערשטעהן אָקעגען צו שרייבען דעם טושינער רב. אַז ער זאָגט כשר איז כשר.

וואָלה גאַבריעלאָוו.

טיף געבויגען שטעהען מיר ביים פרישען קבר פון אונזער יונג־פאַרשטאָרבענער חברטע

שיינדל בוכנער

וועלכע איז פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען אין די בליהענדע יאָהרען.

אַ גרופּע חברטעס און חברים:
בזשעזשינסקי, בוטשינסקאַ, בערקאָוויטש, גאָלדקאָרן, גליקסמאַן, גראָדענץ, גורנער, גאָלדבערג, דרוקער, דעסאָו, הימעלפאַרב, ווייסבראָט, וויינמאַן, זעלווער, זשאַבנער, חיהלע, לעווקאָוויטש, ליסטמאַן, לעמבערגער, מינץ, סאַלאַ, ענגעלקי, פריינדליך, פרייבערג, קאַן, קאַלסקי, קאַלינסקי, ראָזענבערג, ריבאָווסקי, ראָזענבאַום, ראָטשטיין, ראַגאָזשינסקי, רישפאַן, שולמאַן.

אחרי מחלה כבדה ומכאבה גוע ונאסף אל עמיו בשנת הס״ז לימי חייו בעלי יקירי, אבינו, חותננו, וזקננו נ״ע

עמנואל דוד בארנשטיין

הכהן ב״ר יעקב יונה מסיטעוו

ההלוי׳ תהי׳ היום ביום א׳, ו׳ לחודש טבת תרצ״ד בשעה 12 בצהרים, מבית האבל גלוגנא 62.

השרויים בצער עמוק

משפחתו המתאבלת.

שמיץ-שטראף אין ארץ-ישראל

אינטערפעלאציע פון הערבערט סעמועל אין ענגלישן פארלאמענט

לאנדאן, 24 (י.ט.א. טעלעגראפיש) הערבערט סעמועל האט אין פארלאמענט אינטערפעלירט דעם קאלאניען מיניסטער, צי איז אמת, אז דער נייער פראיעקט פון שטראף קאדעקס אין ארץ ישראל' זעהט פאר אויסצובייטערן טויט שטראף פאר א רייה פערברעכנס, און צי ס'ווערט איינגעפיהרט שמיץ שטראף.

דער קאלאניען מיניסטער האט געענטפערט, אז וועגן דעם דאזיגן פראיעקט שטעהט ער אין א מיינונגס-אויסטויש מיט'ן הויך-קאמיסאר.

4449 יודען אנגעקומען קיין ארץ-ישראל

אין משך פון חודש אקטאבער ד. י.

ירושלים 24 (י.ט.א. טעלעגראפיש) אין משך פון חודש אקטאבער ד. י. זענען אנגעקומען קיין ארץ-ישראל 4449 יודען, דערונטער 410 קאפיטאליסטען.

32 יוד. טוריסטען דערלויבט צו פערבלייבען אין לאנד

ירושלים, 24 (י.ט.א. טעלעגראפיש) 32 יודישע טוריסטען איז דערלויבט געווארען צו פער בלייבען אין לאנד.

ענגליש-סאוויעטישער האנדעלס-אפמאך

ווערט בקרוב אונטערגעשריבען ווערען

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.) דער ענגליש-סאוויעטישער האנדעלס-טראקטאט איז שוין גרייט אונטערצושרייבען. דער ענין וועט אין די נאהענטסטע טעג ערלעדיגט ווערען.

אינצידענט אויף די געריכטס-פערהאנדלונגען פון די 18 אראבישע פיהרער

יפו 24 (יט"א טעלעגראפיש)

בעת די געריכטס-פערהאנדלונגען געגען די 18 אראבישע פיהרער, וואס זענען אנגעקלאגט געווארען פאר בעטייליגען זיך אין דער אראבישער דעמאנסטראציע, איז פארגעקומען אן'אינצידענט מיט דעם אנגעקלאגטען אליבי. דער אנגעקלאגטער האט בעת די געריכטס-פערהאנדלונגען געפיהרט א געשפרעך מיט א צווייטען אנגעקלאגטען. נישט קוקנדיג וואס דער פארזיצער האט איהם גערופען צו ארדנונג, האט דער אנגעקלאגטער ווייטער געפיהרט דעם געשפרעך. א פאליציאנט האט דאן דעם אנגעקלאגטען א שטויס געטון צוליב וואס ער איז אויפגעשפרונגען מיט א געשריי, אז מ'האט איהם בעליידיגט אין געריכט. נאך דער ערקלערונג פון פראקוראר, אז ס'איז געשעהן א מיספערשטענדניש איז דער אינצידענט ערלעדיגט געווארען.

די אדוואקאטען פון די אנגעקלאגטע האבען זיך בעמיהט צו בעווייזען, אז די האנדלונג פון דער פאליציי בעתן פונאנדערטרייבען די דעמאנסטראציע איז געווען נישט בערעכטיגט.

בעשטעלונגען פון „טארגסין“ אין פוילען

די אונטערהאנדלונגען וועגען בעשטעלונגען אין לאדז זענען נאך נישט פערענדיגט

ווארשא, 23 (טעלעפאניש) אין פערלויף פון היינטיגען חודש זענען דערהאלטען געווארען קאנקרעטע בעשטעלונגען פארן „טארגסין“ דורך דער פערמיטלונג פון „סאוופאלטארג“ אויף צוצושטעלען 130 טאן סלאנינע פאר 230 טויזענד זלאטיס, 50 טויזענד ברעטען פאר 46 טויזענד זלאטיס און 65 טויזענד מעטער ביאליסטאקער שטאף 230 טויזענד זלאטעס.

אין גאנג זענען וויטערדיגע אונטערהאנדלונגען וועגען בעשטעלונגען אויף 2000 מעטער לאדזער וואל-סחורות, טריקאטאושען און קאנפעקציע פון לאדז.

„ברוינער באזאר“ אין בערלין

יודען ארויסגעשטויסען פון דער דייטשער האלץ-אינדוסטריע

בערלין, 24 (י.ט.א. טעלעגראפיש) די רעגירונג האט ארויסגעגעבען א ניי געזעץ, לויט וועלכען יודען ווערען ארויסגעשטויסען פון דער האלץ-אינדוסטריע.

פאר די חגאות איז אין בערלין געעפענט געווארען א „ברוינער באזאר“ צו וועלכען די יודישע פירמעס זענען נישט צוגעלאזען געווארען.

הייל היטלער!

מוזען די שילער בעגריסן די לעהרער אין די שולען

בערלין 24 (י.ט.א. טעלעגראפיש) לויט א פעראָרדנונג פון אינערן מיניסטער, מוזען די שילער אין די שוהלען בעגריסען די לעהרער מיט דעם בעקאנטען „הייל היטלער“.

היטלערס פראגען

לאנדאן, 23 (טפ. טעל.)

דער „דיילי מייל“ דערוויסט זיך, אז דער קאנצלער היטלער האט בעת זיין לעצטען געשפרעך מיטן פראנצויזישען אמבאסאדאר פאנסע געשטעלט דער פראנצויזישער רעגירונג פאלגענדע פראגען: 1) וואס פארא קאנצעסיעס איז פראנקרייך גרייט צו מאכען אויפן געביט פון בעוואפנונג 2) אויף וואס פארא אופן וועט אדורכגעפיהרט ווערען די בעגרענצונג פון די פראנצויזישע בעוואפנונגען.

מיניסטער בעק וועט זיין פארזיצער

פון דער יאנואר-סעסיע אין דער פעלקער-ליגע

פאריז, 23 (ספ. טעל.)

די צייטונגען בעטאנען, אז דעם פארזיץ פון דער נאהענטסטער יאנואר-סעסיע אין דער פעלקער ליגע וועט פיהרען דער פוילישער אויסערן-מיניסטער בעק, די סעסיע הויבט זיך אן דעם 13 ד.ח.

אנטי-דייטשע אויס-שטעלונג אין כארקאוו

מאסקווא, 23 (ספ. טעל.)

אין כארקאווער רעוואלוציאנערען מוזעאום איז געעפנט געווארען די אויסשטעלונג פון דער 15-יעהריגער בעפרייאונג אוקראאינא'ס פון אונטער דער דייטשער אקופאציע.

די אויסשטאלונג ווערט געהאלטען אין א בולט אנטי-דייטשען גייסט.

פיל פאטאגראפיעס און דאקומענטען דער-מאהנען דעם טעראר און די רויב-עקספלואטאציע, וועלכע איז געפיהרט געווארען דורך די אקופאנטען.

דעם גרעסטען איינדרוק מאכען די פאטאגראפיעס פון די אויפגעהאנגענע אויף די גאסען-לאמטערנען אין כארקאוו און דניעפראפעטראווסק נאכן אויפשטאנד געגען די דייטשען זומער פון יאהר 1918.

קאמף מיט די היטלעריסטען אין עסטלאנד

טאלען, 23 (ספ. טעל.)

אין צוזאמענהאנג מיט דעם ענטדעקען פון א נאציאנאל-סאציאליסטישער געהיימער ארגאניזאציע „די באלטישע ברודערשאפט“ האט דער פראקוראר איבערגעגעבען דעם געריכט 27 דייטשען, וועלכע ווערן בעשולדיגט אין מלוכה-פערראט.

בעת די רעוויזיעס, וועלכע זענען אדורכגעפיהרט געווארען ביי די דייטשען האט מען ענטדעקט א גענויען פלאן פון געבען ערד די באלטישע דייטשען און ברענגען יוגענד פון דייטשלאנד. צוליב דעם, וואס שטארבט אויס די אלטע גענעראציע פון באלטישע דייטשען.

אפגעברענט א שטעטל אין גאליציע

לעמבערג, 23 (טעלעפאניש).

אהער מעלדעט מען פון באראל ביי ראווא רוסקא, אז דארטען איז אויסגעבראכען א שרפה אינ'ם הויז פון חנה וועבער, צוליב'ן ווינט האט זיך דאס פייער שנעל פערשפרייט און א־ומגעכאפט כמעט דאס גאנצע שטעטל; ס'זענען אפגעברענט געווארען ביז 30 הייזער; ביז 80 פאמיליעס זענען געבליבען אהן א דאך איבער'ן קאפ.

צו די ווייניכטן

עמפפעהלט דעם גרעסטען אויסוואהל פון די נייעסטע אין- און אויסלענדישע פערפומען ווי אויך אלערליי קאסמעטיק צו די ביליגסטע פרייזען

די מאדערנסטע פערפומעריע J. DRUKIER, Zawadzka 5 tel. 175-92.

:-: פאר ענגראסיסטען בעדייטענדען ראבאט. :-:

א הארציגען מזל=טוב ווינשען מיר
שרה'לע סטיצקא
מיט ה' איטשע דיאמענט
צו זייער חתונה, וועלכע קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 24/XII 1933
וואלף צענדארף און פאמיליע.
יוסף האסקעל און פרוי.

וויכטיג פאר דער לאדזער בעפעלקערונג

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז איז ערעפענט געווארען דאס אמבולאטאריום ביים פעראיין „עזרת עניים“ נאדלודקא 8, טעל. 153-99 וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט פון 9 פריה ביז 7 אוו. שיקט ארויס דאקטוירים - ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים ווי אויך דענטיסטישע הילף

וששטשיקעס אין דער אמבולאטאריע און אויסער דער אמבולאטאריע פאר א מינימאלען אפצאהל נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אפצאהלונגען. די פערוואלטונג.

ביליג און גוט!

די זייט 32 יאהר עקזיסטירענדיגע קאנטא=ביכער=פאבריק פון ס. מאשענבערג יעצט אונטער דער פירמא „KSIĘGA“ Pietrkowska 45 פיעטריקאווער 45 עמפפעהלט פאר'ן יאהר 1934 די בעסטע בוכהאלטעריע=ביכער אין גרויסען אויסוואהל צו פאבריקס=פרייזען. 25% ביליגער 25%

אויגען - קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אוועגד.

כאראקטעריסטישע פראצעסן

דעם 30. דעצ. ד. י. קומען פאר כאראקטעריסטישע פראצעסן אין סאנד גראדזקי, זאל 4 וועגען פאלגענדע: דאס הויז צעגעלניאנא 38 (פריהער 66) געהער צו 6 יורשים קליינלערער, האבען 5 פון זיי פערדינגען וואוינונגען צו ה"ה לייבל מאנדעל. אלעזר גרינשטיין, קליגער א.אנד. און האבען גענומען בעצאהלט פאר א גאנץ יאהר דירה-געלד אהן די ידיעה פון 6-טען יורש. יעצט קלאגט דער 6-טער יורש אלע אויבענדערמאנטע לאקאטארען ווייל עס דראהט זיי אלע עקסמיסיעס.

פאר גאלד, בריליאנטען ... און לאמבארד-קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזען אלידאר פאלקא פיעטריקאווער 7.

Dr. Wajnberg
ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראזי-קראנקהייטען
וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145 טעל. 126-02.
נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4, 8–9 אוו.

כעמיש=באקטעריאלאגישער לאבאראטאריום
מ. שאץ
לאדז, פעטרייקאווער 37. טעל. 230-85
פיהרט אדורך זעמטליכע ערצטליכע אנאליזען פון אורין, בלוט, פלעגמע, א.א.

אויערען, נאז און האלז-קליניק
מיט בעטען פון Dr. Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולא-טארישעס פון 11–2 און פון 5–8 אוונט.

Dr. med. Haltrecht
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 8–1 מיטאג און פון 6–9 אוונט. זונטאג פון 10–1 בטאג.
אלע ארט אנאליזען.
פאר ארבייטסלאזע לעמשנ'צע-פרייזן

ענגליש-פראנצויזישע געשפרעכן אין פאריז

רעפארם פון דער פעלקער-ליגע אויף דער טאג-ארדנונג

פ א ר י ז, 23 (ספ. טעל.) פאל באנקור האט געהאט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן ענגלישן אויסערן-מיניסטער סיימאן. בעת דער קאנפערענץ איז אנוועזנד געווען דער פרעמיער שאטאן.

ס'זענען בעטראכט געווארן די פראגען וועגען דער דייטשער בעוואפנונג, רעפארם פון דער פעלקער-ליגע און דעם פארשלאג, אז דייטשלאנד זאל אונטערשרייבן די ניטש-אנגריפס-אפמאכן.

רומענישער קעניג אויף א פרעסע-קאנפערענץ

פערזיכערט רוהע אין לאנד

ב ו ק א ר ע ש ט 24 (יט"א טעלעגראפיש)

דער רומענישער קעניג קארל דער צווייטער, האט גערופן א פרעסע-קאנפערענץ. דער קעניג האט פאר די פרעסע-פארשטעהער ערקלעהרט, אז קיין שום ראסן וועלן אין רומעניען נישט פערפאלגט ווערן און אז די רוהע אין לאנד איז געזיכערט.

100.000 ארב. וועלן זיין בעשעפטיגט

ביי די ארבייטען פון ארבייטס-פאנד

וו א ר ש ע 23 (טעלעפאניש)

אין צוזאמענהאנג מיט דער זיצונג פון הויפט-קאמיטעט פון ארבייטס-פאנד, ביים אנטייל פון פרעמיער יענדזשעיעוויטש, אויף וועלכער ס'איז אנגענומען געווארן דאס פראגראם פון די ארבייטען אויפן יאהר 1934/35 — האט דער געוו. מיניסטער קלארנער און דיר. מארציסקי געגעבען א ריי אייני-צלהייטען וועגען בעשעפטיגען ארבייטסלאזע ביי עפנטליכע ארבייטן אין קומענדיגען יאהר.

די עפענטליכע ארבייטען פון ארבייטס-פאנד וועלן בעטרעפען 60 מיליאן זלאטעס — מיט 10 מיליאן מעהר ווי דעם פריהערדיגען יאהר.

אין קומענדיגען יאהר וועלן בעשעפטיגט ווערן 85 טויזענד ארבייטער (וויפיל יודען וועלן דארט זיין?) און ביי אנדערע בעשעפטיגונגען 15 טויזענד מענשען, אזוי אז צוזאמען וועלן אין קומענדיגען יאהר זיין בעשעפטיגט 100 טויזענד מענשען.

געשטארבען ראסמוסען

15 חדשים איז ער פערפאלען געווארען צווישען די אייז-וויסטעניישען. — ער בעשטעטיגט די טעאריע, אז גרענלאנד רוקט זיך יעדעם יאר פון צפון צו מערב

ק א פ ע נ ה א ג ע ן, 23 (ספ. טעל.)

דא איז נעכטען געשטארבען ד"ר ראסמוסען דער בערימטער פארשער פון ווייטען צפון-אמעריקאנישען גרענלאנד.

ראסמוסען האט דורכגעמאכט א לעבען מיט ריזיקאלישע אונטערנעהמונגען, פארשענדיג די ווייטסטע צפון-געגענדען ביים צפון פאל; ער האט גע-פארשט גרענלאנד, אליאסקא און די ווייטסטע צפון מקומות פון סיביר. זיין ציל איז געווען — געפונען דאס ערשטע פאטערלאנד פון די עסקימאסען. ער האט בעשאפען די טעאריע, אז די עסקימאסען שטאמען פון אזיע און האבען ארויסגעוואנדערט פון דארטען אין די געגענדען פון צפון-אמעריקע, גרענלאנד און צפון-פאל. ער האט צוזאמגעזאמעלט בעת זיינע רייזעס און פארשונגען א רייכען פאלקלאריסטישען, ארכעאלאגישען און עטנאלאגישען מאטעריאל, וואס בעווייזען, אז זיין טעאריע איז א ריכטיגע.

אין יאהר 1921, בעת זיינע רייזע-פארשונגען אויף די ברעגעס פון צפון-הודסאן איז ער פער-פאלען געווארען און אין משך פון 15 חדשים באק-אנאנד האט מען נישט געוואוסט ווי ער געפינט זיך. מ'איז שוין געווען זיכער, אז ער איז אומ-געקומען אין די שניי און אייז וויסטעניישען פון די פאלארע געגענטען.

אין יאהר 1932 האט ער פערענדיגט זיינע פארשונגען פון גרענלאנד אינזעל. ער האט א דאנק זיינע ניי-געזאמעלטע מאטעריאלען בעשטעטיגט די טעאריע פון געאגראף וועגענער (וועלכער איז אומגעקומען בעת רייזע-פארשונגען אין גרענלאנד). אז דער אינזעל גרענלאנד געפינט זיך אין א שטענ-דיגער בעוועגונג אין דער ריכטונג צו מערב. לויט זיינע אויסמעסטונגען רוקט זיך אוועק גרענלאנד פון צפון צו מערב יעדען יאהר אויף א שטח פון 20 מעטער.

א סך קראנקהייטען הערשען ווינטער...

געווענליך ווינטער שוויצט א מענש בעדייי-טענד ווענינגער און דערבייבעלייבען אין ארגאניזם און פערגאמרייניגען דאס בלוט די שעדליכע, סמ-ענדע סובסטאנצען, וואס געוועהנליך טיילען זיך אויס צוזאמען מיט'ן שוויס. דאס שאפט גע-וועהנליך א פערערגערונג אין געזונדצושטאנד און איבערהויפט ביי רעוומאטיזם, אסטמאטיזם און פאד-דאגרע-ליידענדע, וועלכע פיהלען נאך דערצו שטארק די אפטע ענדערונגען פון די וועטערען. כדי צו פערהיטען די דאזיגע וועהטאגען, וועלכע מאטערן דעם קראנקען אין משך פון גאנצען ווינ-טער, איז ווינשענסווערט בעצייטענס אנצווענדען א ווירקזאם מיטעל. פון די פערשידענע מעדיצינען איז שטענדיג שוועל פאר דעם קראנקען צוצוקלייבען דאס ענטשפרעכענדע מיטעל, ס'איז אבער נישט קיין טראגעדיע, ווייל מיט דער הילף פון טאגאל זענען שוין א סך מענשען געזונד געווארען. אין אלע לענדער אויף דער וועלט ווערען שוין פון 15 יאהר אן מיט ערפאלג אנגעווענדעט די טאב-לעטקעס טאגאל ביי די דאזיגע קראנקהייטען. טאגאל שטילט איין די וועהטאג און ברענגט א פער-לייכטערונג אפילו ביי כראנישע צושטאנדען. טאגאל דערלאזט נישט דאס אנזאמלען זיך פון אוריך-זויערע. בעקעמפענדיג אין סאמע אנהויב די קראנק-הייטען, וואס זענען אויף דעם באזיס ענטשטאנען. אויך ביי גריפע, פערקיהלונגען, נערווען און קאפ וועהטאגען ווירקען די טאגאל-טאבלעטקעס שנעל און זיכער. זיי זענען אומשעדליך פארן הארץ, מאגען און אנדערע אינערליכע ארגאנען. פרובט און צייגט זיך אליין איבער וועגען דער גוטער ווירקונג פון טאגאל. צו בעקומען אין אלע אפטייקען.

זילבער טייערער געווארן אויף דער וועלט

צוליב דער נייער פעראורדנונג פון פרעזידענט רוזוועלט.—זילבער מטבעות אין אמעריקא

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.)

דער פרעזידענט רוזוועלט האט ראטיפיצירט די לאנדאנער פערשטענדיגונג וועגען זילבער. די פערשטענדיגונג איז דערגרייכט געווארען בעת דער עקאנאמישער קאנפערענץ אין לאנדאן. דאס איז דער ערשטער שריט איינצופיהרען א צוויי-מעטאל-סיסטעם.

דער פרעזידענט האט גלייכצייטיג ארויסגע-געבען א פעראורדנונג וועגען איינקויפן זילבער און עפענען א מינצעריי אויסצוקלאפען זילבערנע מטבעות. צו דעם צוועק איז בעשטימט געווארען 24 מיליאן אונציעס זילבער. דער פרייז פון זיל-בער איז בעשטימט געווארען אויף 64 מיט א האלב צענט פאר א אונציע, ביז איצט האט געקאסט 45 צענט.

די דאזיגע פעראורדנונג האט ארויסגערופען א גרויסען געברויך פון זילבער אין דער גאנ-צער וועלט.

גרויסער זיג פון דער רעגירונגס-פארטיי בעת די וואהלען אין רומעניען

ב ו ק א ר ע ש ט 23 (ספ. טעל.)

דאס אינערן-מיניסטעריום האט פערעפענט-ליכט די ענדגילטיגע רעזולטאטען פון די וואהלען צום פארלאמענט.

די רעגירונגס-פארטיי האט בעקומען 76 פראצ. שטימען און 300 מאנדאטען. דער גאנצער פארלאמענט בעשטעהט פון 387 דעפוטאטען.

דייטשלאנד פערטראכט אליין

נייע פלענער

ווי צו פערשארפען די פאליטישע בעציהונגען אין אייראפא

ו ו י ע ן, 23 (ספ. טעל.) די רייכספאסט האט פערעפענטליכט א סענסאציאנעלע קארעספאנדענץ פון ווען שווייץ. די קארעספאנדענץ שטאמט פון א בעדייטענדען דיפלאמאט און ענטדעקט די נייע מאכינאציעס פון ראזענבערג'ן, וועלכער שטרעבט אפצורייסען א טייל פון עסטרייך און איהם מער איינעגען צו יוגאסלאוויען, די דאזיגע פראגע האט בעפעש געזאלט בעריהרען אין געשפרעך מיט פאל באנקור.

לויט די מיטטיילונגען פון דער רייכספאסט", הויבט מען איצט אן אין בערלין צו פרובען פא-ראליזירען די פראנצויזישע איינפלוסען אין מזרח און דרום-מזרח פון אייראפא. אויסוועהלענדיג זיך צו דעם ציל קודם כל יוגאסלאוויען.

די יוגאסלאווישע פרעסע שטעהט אין דער פראגע אויפ'ן שטאנדפונקט, אז נאר די דירעקטע שכנות פון יוגאסלאוויען מיט דייטשלאנד קען זיין א זיכערקייט פאר די גרויסמאכט איינספיראציעס פון יוגאסלאוויען, דערביי ווערט אויסגעדריקט די מיי-נונג, אז עסטרייך דארף זיך פעראייניגען מיט דייטשלאנד און קאנינט מיט יוגאסלאוויען.

די דאזיגע ווענדונג אין דער דייטשער פא-ליטיק קען ברענגען צו א מלחמה, ווייל די פאר-שטעהער פון דער קליינער קאאליציע האבען ער-קלעהרט, אז יעדע רעוויזיע פון די גרעניצען בעדייט — מלחמה.

געפאלען היי-יאהריגער עקספארט

פון דייטשע ווייהנאכט-שפילצייג

ב ע ר ל י ן, 23 (יט"א טעלעגראפיש)

ווי דער „בערלינער טאגבלאט“ טיילט מיט, איז דער היי-יאהריגער עקספארט פון ווייהנאכטס-שפילצייג שטארק געפאלען.

די א"י-אדוואקאטען בעהאנדלען די עליה-פראגען

י ר ו ש ל י ם (יט"א) אויף דער יעהרליכער פער-זאמלונג פון יודישען אדוואקאטען-פערבאנד אין ארץ-ישראל, וואס איז דא פארגעקומען, איז אויס-פיהרליך בעהאנדעלט געווארען די איצטיגע לאגע בנוגע דער עליה קיין ארץ-ישראל.

דער הארסט-וועסעל-פראצעס

זאל נאכאמאל בעטראכט ווערען

ב ע ר ל י ן 23 (ספ. טעל.)

פון אפיציעלע קוועלען דערוואוסט מען זיך, אז דער פראצעס וועגען ערמארדען דעם בעקאנטען היטלעריסטישען טוער הארסט וועסעל, דעם שעפער פון נאציאנאל-סאציאליסטישען הימן, וועט בעניים ווערען.

די רעוויזיע וועט זיין נוגע דעם אויסמעסטען די שטראף פאר די הויפט-בעשולדיגטע, ווייל מען האלט דעם אורטייל פאר א צו מילדען.

די באיקאט-פעראורדנונג פון פיהרער פון דייטשען ארבייטס-פראנט ד"ר לעי

דער בירגערמייסטער פון אאכען בעט אפצושאפן די אנטי-יודישע פעראורדנונג אלס שעדליכע

ב ע ר ל י ן (י.ט.א.) קיין בערלין איז אנגע-קומען א דעלעגאציע, וואס בעשטעהט פון בירגער-מייסטער פון אאכען און פיהרענדע מיטגלידער פון דער דארטיגער האנדעלס-קאמער, כדי צו בעטען די רעגירונג, אז עס זאל אפגעשאפען ווערען דער אנטי-יודישער פערבאט וועגן איינקויף פון די גייע אוניפארמען לויט דער פעראורדנונג פון פיהרער פון דייטשען ארבייטס-פראנט דר. לעי.

ד"ר לעי האט פעראורדנט, אז די מיליאנען מיטגלידער פון די ארבייטער-ארגאניזאציעס, וועלכע געהערען צום ארבייטס-פראנט מוזען טראגען א ספע-ציעלען „יום-טוב-אוניפארם“. וואס בעשטייט פון א בלויען אנצוג און א היטעל מיט דער אויפשריפט „ארבייטספראנט“. לויט די בעשטימונגען פון דער פער-ארדנונג טארען די אוניפארמען אין קיין פאל נישט אויסגעפערטיגט ווערען אין יודישע פאבריקען אדער געקויפט ווערען אין יודישע געשעפטען.

אינטערוועניערענדיג ביי דער צענטראל-רעגי-רונג האט די דעלעגאציע אנגעוויזען, אז אאכען שטעלט מיט זיך פאר א בעדייטענדען צענטר פון דער בעקליידונג-אינדוסטריע און פיל פאבריקען געהערען צו יודען. דער גאנצער אאכענער קרייז וואלט דעריבער שווער געליטען, ווען דער אנטי-יודישער פערבאט וואלט אפגעהיט געווארען. דאס וואלט געפיהרט צו מאסען-רעדוקציעס און צום וואוקס פון דער ארבייטסלאזיגקייט אין אאכענער קרייז.

יודיש טעאטער „פילהארמאניע“ נארוטאוויטשא 20 טעל. 213-84

אויפטריטען פון

בן-ציון וויטלער

היינט, זונטאג, 12 פארמיטאג

ספעציעלער פרימארגען

פרייזען פון 50 גר. ביז 1.50

„די גאליציאנער חתונה“

היינט, זונטאג, 9 אווענד די גרעסטע טעאטער-סענסאציע

באנדיט-דזשענטעלמען

פון ח. זאגראניטשני.

מארגען, מאנטאג 12 פארמיטאג

יאנקא ציגליינער

בילעטען צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאניע.

לאדז, 24 דעצעמבער 1933

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 24 דעצעמבער 1933

דער אורטייל אין רייכסטאג-פראצעס

שענדליכער דורכפאל פון גערינגס אימפרעזע

דער פארהאנג איבער דער טראגישער קאמעדיע וועלכע ס'האבען אינסצעניזירט די היטלעראוויצעס מיט דער אונטערצינדונג פון רייכסטאג, איז אראפגעלאזט: וואן דער ליבע איז פערמשפט צום טויט, אלע איבריגע בעשולדיגטע, די דריי בולגארען און טארגלער, זענען פרייגעשפראכען. די אראנזשירען פון דעם בלוטיגען געריכטס-שפאס האבען געבראכט איין קרבן אויפן מזבח פון זייער אייגענער נישטיגקייט. זיי האבען פערראטען דעם מענש, וועלכער האט געשפילט א געהיימנישפולע ראלע אין דעם גאנצען פערברעכען און האבען איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון תליון. לגבי אלע איבריגע בעשולדיגטע ווערט געמאכט דער זשעסט פון עהרליכער און אביעקטיווער גערעכטיגקייט, מען וויל ווייזען דער וועלט, אז עס זענען נאך פאראן ריכטער אין לייפציג און אין בערלין. מען טראגט ארויס א בעפרייאונגס-אורטייל געגען מענשען, וועלכע דער פריסישער אבערהענקער גערינג האט געדראהט מיט די הארבסטע מיטלען, ווען עס איז שוין געווען קלאר אפילו פאר א בלינדען, אז נישט זיי זענען בעגאנגען דאס פערברעכען, נאר אז א פערברעכען איז געווען פולשטענדיג אונשולדיגע מענשען צו שטעלען אונטער אזא שרעקליכער בעשולדיגונג און האלטען זיי אין פארטויט-קוואל אין משך פון חדשים.

דער אורטייל פון העכסטען דייטשען געריכט, וואס איז איצט „גלייכגעשאלטעט" ווי יעדע אנדערע דייטשע אינסטיטוציע, איז נישט קיין בעווייז פון דער לעבעדיגער גערעכטיגקייט אין דריטען רייך, דאס איז בלויז א געוואלדיגע פיאסקא פון היטלעריזם, א מפלה, וואס האט נישט צו זיך קיין גלייכען און א טריומף פון לעגענדאריש-העלדענמוטיגען דימיטראוו'ן. די אונטערצינדונג פון רייכסטאג מיט'ן ציל צו שאפען אזא גרויליגע שארפען אויסרייד פאר דער פערניכטונג, פאר דער פיזישער און מאראלישער אויסראטונג פון גאנצער, פון דער קאמוניסטישער פארטיי איז געווען א פראוואקאציע, וואס האט צו זיך קיין גלייכען נישט אין דער וועלט-געשיכטע. דאס ארומציהען א שטריק איבער די העלזער פון פינקאם אומשולדיגע מענשען, וואס זייער שולד אין דעם פערברעכען איז נישט בעוויזען געווארען אויף קיין האר, וואלט געווען אזא מין שוידערליכע זאך, וואס וואלט ווירקליך אויפגעציטערט די וועלט אין איהרע יסודות.

די פיהרער פון דריטען רייך זענען גרויסע גבורים אין די פינסטערע קאמערען פון זייערע טורמעס און קאנצענטראציע-לאגערען: דארט וואו מען זעהט נישט זייערע מעשים זענען זיי פעהיג אפצוטון אכזריותען, פון וועלכע די האר שטעלען זיך קאפויער; דארט קאנען זיי פייניגען אונשולדיגע מענשען מיט אלע מיטלען פון מיטעלאלטערליכע ראפינירטקייט; געגען הילפלאזע געפאנגענע יודען מארקסיסטען, פאציפיסטען קאן דער ברוטאלער ס. א. אדער ס.ס.מאן אויסאיבען די גאנצע קונסט פון זיין סאדיזם. אבער אפען אין די אויגען פון דער וועלט וויל מען זיך גערעכטפערטיגען, וויל מען שפילען די ראלע פון איידעלען פערטרעטער פון דער נאבעלער ראסע. אפען פאר דער וועלט האט מען נישט געקאנט ביים גאנצען לייטענשאפטליכען ווילען אויפשטעלען א תליה פאר אונשולדיגע מענשען אדער אפהאקען די קעפ זייערע אויף דעם אריגינעלען גערמאנישען אופן.

די פראגע שטייט דאך פאר יעדען איינעם, וואס האט זיך אינטערעסירט מיט דעם פראצעס (און ווער האט זיך נישט אינטערעסירט מיט איהם?) נישט פארוואס האט מען די בעשולדיגטע בעפרייט, נאר ווי אזוי, אויף וואסער גרונד האט מען די מענשען, דימיטראוו, טאניעוו, פאפאוו און טארגלערן געהאלטען בכלל אין תפיסה. אויף וואסער גרונד האט מען זיי אין פערלויף פון אזוי פיל חדשים געמאטערט מיט דער דראהונג פון טויט, ווי די ערגסטע פערברעכער?

דער פראצעס האט זיך געצויגען אונענדליך לאנג. חדשים-לאנג, פארן געריכט אין לייפציג און אין בערלין זענען פערבייגעגאנגען אהן א שיעור עדות. וואו זענען געווען שוין נישט די בעווייזען געגען די בעשולדיגטע, נאר וואו איז געווען דאס מינדעסטע, וואס זאל קאנען ברענגען בלויז דעם פערדאכט, אז די מענשען האבען א שייכות צו דעם פערברעכען? א פערברעכען, וואס אויף זיין סמך זענען בעגאנגען געווארען אהן א שיעור פערברעכענס מצד דעם איצטיגען רעזשים. אויפן די

סמך פון וועלכען מען האט צעהנדליגער טויזענטער מענשען פערשפארט אין די טורמעס און אין די קאנצענטראציע-לאגערען, צושמעטערט טויזענטער ארבייטער אינסטיטוציעס, צוגערויבט ארבייטער-פערמעגענס, בערעכטיגט אלע אונגעהויערען, וואס זענען בעגאנגען געווארען דורך די הענקערס פון איצטיגען דייטשלאנד?

די גערינגס און די אנדערע שנירעל-ציהער פון פראצעס און פון דער בעשולדיגונג האבען צוגעזאגט צוצושטעלען גאנצע וואגאנעס מיט בעווייזען פאר דער שולד פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין דער אונטערצינדונג פון רייכסטאג. די וואגאנעס מאטעריאלען זאל מען האבען געפונען אין קארל-ליבקנעכט-הויז. וואו זענען בעוועזען די אלע בעווייזען. פארוואס האט מען זיי נישט צוגעשטעלט. מען האט זיי נישט צוגעשטעלט, ווייל זיי זענען געווען פונקט אזא פראדוקט פון דער געבעלס ליגנערישער פראפאגאנדע און גערינגס געהיים-פאליציי ווי אלע אנדערע אונגעהויערע אויסטראכטענישען, וואס דארפען פערענטפערען די פערברעכענס פון דער נאציאנאל-סאציאליסטישער שקר-פאליטיק און טאקטיק אין אלע אנדערע געביטען, אין דער יודען-פראגע, אין דער קריגערישער אויסערן-פאליטיק, אין דער דערשטיקונג פון אייגענעם לאנד.

דער לאנגער פראצעס, וואו די איינריכטער זיינע האבען איינגעצויגען אלס עדות ווענמען זיי האבען נאר געוואלט, שפיצלען, פראוואקאטארען און עהנליכע איידעלע לייט, האט געלאזט אפען די פראגע, ווי אזוי עס איז פארגעקומען די אונטערצינדונג. וואן דער ליבע האט אין די געציילטע מינוטען ווען ער איז געווען ביים פערשטאנד און האט געגעבען מענשליכע ענטפערן אויף די פראגע, וואס מען האט איהם געשטעלט, בעהויפט, אז דאס האט ער אליין אלץ געטון. דאס האט ער מיט שוועבעלך אנגעצונדען די ריזיגע געביידע פון רייכסטאג. אבער דאס איז א בעהויפטונג, וואס איז פונקט אזוי פאנטאסטיש ווי נאריש: עס איז אן אויסגעשלאסענע זאך, אז איין מענש זאל מיט פרימיטיווע מיטלען האבען אין משך פון עטליכע מינוט געבראכט צו דער שרפה פון א ריזיגער פעלזען-געביידע, ווי עס איז דער בעריהמטער רייכסטאג. וואן דער ליבע האט געהאט געהילפען, ריכטיגער, ער איז אליין געווען עמיצענס געהילף און געווערקצייג.

אבער יעדעס מאל, ווען די פראגע וועגן די אמתע שולדיגע אין דער שרפה האט זיך פארן געריכט ווי א שאטען בעוויזען, האט דאס געריכט שנעל געווארפען א שלייער דערויף, ווייל עס האט געגעבען א שמעק מיט אמת און דעם אמת האט מען אין דער אויספארשונג און אין פראצעס נישט געזוכט און נאטירליך גישט געפונען.

ווען דער ליבע ווערט איבערגעגעבען אין די הענד פון תליון, טוישט שווייגען, דאס ווייסט געהרינג אויסגעצייכנט. אבער דער אמת וועגען דעם פערברעכען וועט פריהער אדער שפעטער ארויסקומען אויף דער ליכטיגער שיין. אזוי לערנט די ערפאהרונג פון דער געשיכטע. א פאזיטיווען רעזולטאט האט דער פראצעס שוין איצט בעהאט. די פערפיהרונג און די פיהרונג פון פראצעס צווינגט צו דענקען אפילו מענשען, וועלכע מען ערלויבט נישט צו רעדען, צו לייענען און צו טראכטען אנדערש ווי עס שטעהט אין „פעלקישען בעאבאכטער" און אין דער ביבעל פון גערמאנישען ראסען-כאם „מיין קאמף". די מפלה פון די רעזשיסערען פון רייכסטאג-פראצעס איז איינער פון די קלעפ, וואס וועלען פאר'ן איצטיגען רעזשים אין דייטשלאנד ווערען מיט דער צייט שטערבליך.

פ. פ. ס.

נאך וועגן נייעם קאנסטיטוציע-פראיעקט

אין אן ארטיקעל וועגן דעם פראיעקט פון א נייער קאנסטיטוציע, וואס די סאנאציע האט איצט אויסגעארבייט, שרייבט דער „ראבאטניק":

די סאנאציע האט איהרען פריהערדיגען פראיעקט מען רעקלאמירט, אלס דעמאקראטישע אויף דעם גרונד, וואס דער פרעזידענט האט געוואלט געוועהלט ווערען דורך א פלעביסציט, און דער סיים האט געדארפט געוועהלט ווערען דורך דעם דעמאקראטישען פינפעקיגען וואהלרעכט (קאנסטאטירט איז נאר געווארען דער פרינציפ פון פראפארציאנעלקייט, דער פרינציפ פון פילמאנדאט קרייזען). ס'זענען געווען נאר איבערבלייבען פון דעמאקראטיע, ווייל ווען דער ראלע און בעדייטונג פון אן עפענטליכער אינסטיטוציע דעצידירט נישט נאר דער אופן פון בערופען די אינסטיטוציע, נאר אויך דער קרייז פון מאכט, וועלכע עס ווערט איהר בעשטימט, בעוואוסט איז דאך, אז די סאנאציע-מאכט פון פרעזידענט א מין „אבער-רעגירונגס" פאקטאר לעגט אויף איהם ארויף א גרעניצלאזע, כמעט דיקטאטארישע מאכט, דעם סיים פיהרט מען דערביי אראפ צו דער שטופע פון א נישט שעהליכער פלאפעל-שטוב.

אבער דער לעצטער פראדוקט פון ה' צאר שטעלט אוועק אויף די לעצטע צוויי אנשטאלטען פון דער דעמאקראטיע.

דאס וועהלען פון פרעזידענט איז צוגעטראכט אויף אזא אופן, אז מען זאל איהם גארנישט דארפען וועהלען. קודם כל קאנען זיך צום וועהלען שטעלען נאר צוויי קאנדידאטען, פון וועלכע איינעם שטעלט ארויס דאס עליטע-קאלעגיום אין דער צאהל פון 55 פערזאן, דעם צווייטען שטעלט ארויס דער אפטרעטענדער פרעזידענט, וועלכער קאן זיך אפזאגען פון זיין רעכט ארויסצושטעלען זיין קאנדידאט, דאן בלייבט דער ארויסגעשטעלטער דורך דער עליטע. אויב אבער דער פרעזידענט נוצט אויס זיין רעכט און שטעלט ארויס זיין קאנדידאט, דאן לעגט די פראגע א פלעביסציט.

פון אזא „געשיקטען" פארמולירען די פרינציפען פון וועהלען א פרעזידענט איז קלאר צו זעהן, אז צו א פלעביסציט וועט קיינמאל נישט דערגעהן. די עליטע וועט זיך בעצייטענס פערשטענדיגען מיט'ן אפטרעטענדען פרעזידענט וועגען א געמיינזאמען קאנדידאט און ווען אפילו עס גייט יא צו צו א פלעביסציט, וואלט מען דאך אויך נישט געקאנט ארויסשטעלען אייגענע קאנדידאטען, נאר געקאנט נאר בעשטעטיגען איינעם פון די ארויסגערוקטע פון אויבען, עס וואלט געווען א פלעביסציט פון 55 „עליטעניקעס". אזוי צי אנדערש, פון די פלעביסציט-וואהלען בלייבט נישט גארנישט.

נאך איינפאכער שטעלט זיך פאר ה' צאר די וואהלען אין סיים. דא האט ער איינפאך ארויסגעווארפען פון די 5—3 פרינציפען פון דעמאקראטישע וואהלען.

ה' צאר פיהלט זיך אלס פולער דעמאקראט ביי צוויי, מעהר דארף ער נישט. עס בלייבט דער פרינציפ פון אלגעמיינע און געהיימע וואהלען (אין דער טעאריע). אויסגעווארפען זענען דירעקטע, גלייכע און פראפארציאנעלע וואהלען!

וואס דאס הייסט, דארף מען דאך נישט ערקלערען, דאס בעדייט, אז די שטים פון אן ארבייטער איז נישט גלייך צו דער שטים פון אן עליטע-מענש, אז דאס שטימרעכט פון אן ארבייטער וואלט ארומגעשטעלט געווארען מיט געוויסע בעדינגונגען, ווייל דער מענש פון דער עליטע וואלט מען צוגעגעבען מעהר שטימען, ווי דעם ארבייטער-מענש. עס בעדייט ווייטער, אז דער ארבייטער-מענש וואלט נישט געקאנט וועהלען זיין קאנדידאט דירעקט אין סיים, ווי ביז איצט, נאר אומדירעקט, דורכגעזיפט דורך אנדערע מענשען. די מיליאנען מאסען ארבייטען מענשען וואלטען אזוי ארום אראפגעשטופט געווארען צו דער שטופע פון מינדער-ווערדיגע אונטער-מענשען.

אט אזוי פערווירקליכט ה' צאר די סאמע דרייסטע חלומות פון דער פוילישער רעאקציע.

דאס פאטערלאנד פאר א טאפ ליינזען

דער פאשיזם אין לעטלאנד

וועגען דער טעטיגקייט פון די נאציאנאל-סאציאליסטען און פאשיסטען אין לעטלאנד שרייבט לאצקי-בערטאלדי אין „פרימארגן":

„דעם מוטיגען קעמפער געגען היטלערן יעקב לעשצינסקין. האט אונזער רעגירונג ארויסגעשיקט פון לעטלאנד; און דעם היטלעריסט פאן צור-מילען, וואס האט פראפאגאנדירט א נייע דייטשע אקופאציע פון די באלטישע מלוכות, האט אונזער רעגירונג געבעטען מחילה און אנגערופען דורך א טעלעגראמע זיין ארויסשיקען פון לאנד. ס'איז געגאנגען אנטקעגענשטעלען די דאזיגע צוויי פאקטען, כדי עס זאל בולט און אפען פאר אלעמען זיך אנטפלעקען דער פעררעטערישער כאראקטער פון יענע לייט, וואס שטייען איצטער אין שפיץ פון אונזער רעגירונג.

„צי איז יעקב לעשצינסקי שולדיג, וואס אין אונזער רעגירונג האבען זיך פערבאריקאדירט דריי פעררעטערישע מיניסטארען, וועלכע זענען גרייט צו פערקויפען זייער פאטערלאנד פאר א טאפ ליינזען, פאר א מאר בענקלען אין דער רעגירונג? מען דארף זיך דאך באמת כאפען פארן קאפ. זיצען זיך דריי מענשען אין אונזער רעגירונג און בויען דארטען א פעסטונג פון היטלעריזם. איין מיניסטער בעשיצט דייטש-היטלעריסטישע אקופאנטען, וואס גרייטען צו א גוטען ביסען — די באלטישע מלוכות — פאר היטלער-דייטשלאנד; א צווייטער שיקט ארויס פון'ם לאנד מוטיגע קעמפער געגען היטלערן און זיין לעטיש-פיינדליכער פאליטיק און א דריטער האדעוועט אויף אין לאנד גופא א לעטישען היטלעריזם, וואס זאל אין רעכטען מאמענט עפענען די טויערען פון'ם לאנד פאר דעם היטלעריסטישען שונא פון דרויסען.

וואו איז פערבליבען דער לעבענס-אינסטינקט פון לעטישען פאלק? אדער אפשר האט שוין דער-עסען די זעלבסטשטענדיגקייט, און נאך 15 יאהר פרייהייט, האט מען זיך ווידער פערבענקט נאך די פליישטעפ פון מצרים?

מיר זענען באמת שוין ווייט פערקראכען, ווען מיר לאזען ביי אונז באלעבאטעווען פעררעטער פון לעטלאנד.

ווי ס'ווייזט זיך איצט ארויס, האט די לעטישע רעגירונג אין לעצטען מאמענט אנגענומען געוויסע מיטלען געגען דער בעדראהונג פון דייטשער מלוכה-שער זעלבסטשטענדיגקייט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון לעטישען מיניסטאריען-קאבינעט איז בעהאנדעלט געווארען דער בעשלוס, וואס איז אנגענומען געווארען דורכ'ן סיים וועגען שליסען אין משך פון 7 טעג דעם „פערקאנקרוסטס" און „טעוואטס סארגס". דער מיניסטאריען-קאבינעט האט בעאויפטראגט דעם אינערן מיניסטער מילבערג און יוסטיץ-מיניסטער אזאלט דורכצופיהרען אין לעבען דעם בעשלוס פון סיים וועגען שליסען ביידע ארגאניזאציעס.

וואס איז שייך די צוויי „פיהרער" פון די לעטישע נאציאנאל-סאציאליסטען פאן צו מילען און דייבנער (ווי בעקאנט האט דער אויסערן-מיניסטער סאלנים אפגעהאלטען זייער ארויסשיקונג), זענען זיי פארט ארויסגעשיקט געווארען. אויפ'ן באהן זענען זיי בעגלייט געווארען דורך עטליכע צעהנדליג „פארטיי חברים". קורץ פארן אפפאהרען האבען די בעגלייטער מיט'ן היטלעריסטישען זשעסט זיך געזעגענט מיט זייערע צוויי „פיהרערס". די לעצטע האבען געענטפערט מיט'ן זעלבען זשעסט.

אויפ'ן וועג קיין מיטוי האט די פאליציי דורכגעפיהרט א קאנטראל, כדי זיך איבערצייגען, צי די צוויי נאצ. סאצ. פיהרער געפינען זיך באמת אין צוג.

אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען

אויף דעם קאנגרעס פון דער ליטווישער מלוכה-פארטיי

קאוונע (יטא") אויף דעם נאר וואס פארגעקומענעם צוזאמענפאהר פון דער ליטווישער רעגירונגס פארטיי „טאוטינינקעס" איז פארגעקומען אויך צו אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען. איניגע רעדנער האבען געפאדערט, אז מען זאל אנגעהמען מיטלען געגען „דראנג" פון די יודען צום באדען. אנדערע ווידער האבען פערלאנגט, אז מען זאל נישט ערלויבען יודען אויסצופיהרען געלד קיין א"י.

דער גרינדער פון דער מעמעלער ישיבה פערלאזט סאוו.-רוסלאנד

און אנגעקומען קיין ריגע

ריגע (יט"א) קיין ריגע איז אנגעקומען פון סאוויעט-רוסלאנד דער געוו. מעמעלער רב הרב רפאל כהן איינער פון די גרינדער פון דער מעמעלער ישיבה. א רייהע גרינדער פון דער ישיבה זענען פערשיקט געווארען דורכ'ן סאוויעטישען געריכט אויף דריי יאהר. הרב כהן דערצעהלט, אז פאר די 600 ספרים, וועלכע ער האט ארויסגעפיהרט פון רוסלאנד האט ער אויף דער גרענעץ געמוזט בעצאהלען 26,000 רובעל אלס צאל.

די צוקונפט פון יודען אין בראזיליען

(ספעציעלע קארעספאנדענץ)

אין דער קאנסטיטואירנדער פארזאמלונג, וואס האט זיך געעפנט דעם 15-טן נאוועמבער צו באשטימען א נייע קאנסטיטוציע פארן לאנד, געפינט זיך צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין בראזיל א יידישער דעפוטאט, ד"ר האראפיא לאפער.

אמת, ד"ר לאפער איז נישט געוועהלט געווארען אלס יידישער פארשטעהער מיט יידישע שטימען, נאר אלס פארשטעהער פון די בראזיליאנער אינדוסטריעלער, און דאס נישט דורך וועלכער עס איז פאליטישער פארטיי, נאר גראד אויפן צעטל פון די קלאסען־פארשטעהער פון דער אינדוסטריע. ער ווערט אבער אויטאמאטיש פאררעכנט אויך פאר א יידישן פארשטעהער. דאס איז דערפאר וואס ד"ר לאפער איז ביז היינט טעטיג אין דער יידישער געזעלשאפט און שטעלט זיך שטענדיג איין פאר די נויטען פון די יודען.

איצטער ד"ר לאפער איז אפגעפאהרען צו דער קאנסטיטואירנדער פערזאמלונג, וואס איז זיך איצט צוזאמענגעקומען צום ערשטן מאל זינט די רעוואלוציאנערע האבען אין 1930 אראפגעווארפען דעם קאנסטיטוציאנעלען פרעזידענט און זיין רעגירונג, איז דעם פארטרעטער פון דער יט"א געלונגען זיך צו טרעפען מיט'ן חשוב'ן יידישן דעפוטאט און מיט איהם האבען א שמועס וועגען דער נייער קאנסטיטוציע און די יודען.

ד"ר לאפער, וועלכער איז אליין פון יונגען דור וואס איז דא געבוירען געווארען, איז זעהר אפטימיסטיש וועגען דער צוקונפט פון די יודען אין בראזיל. א בעווייז פאר דעם זעהט ער אין די ליבעראלע טענדענצען פון דעם נייעם קאנסטיטוציע־פראיעקט. ער רעכענט אויס מיט בעגייסטערונג די פערשידענע פונקטען פון דעם פראיעקט: דאס אפטיילען די קירכע פון שטאט; דאס געבען פרייהייט פאר אלע רעליגיעס גלייך; דאס נישט פערפליכטען רעליגיעזען אונטערריכט אין די שולען; דאס נישט פערפליכטען רעליגיעזע חתונות און אנדערע.

דאס זענען אלץ טענדענצען, וואס זענען א פעסטער בעשטאנד־טייל פון די אלטע בראזיליאנער טראדיציעס, פון וועלכע דאס בראזיליאנער פאלק האט נישט אפגעטרעטען. וועגען דעם אז דער פראיעקט וועט אינגיכען ווערען די לעגאלע קאנסטיטוציע פון לאנד איז גארנישט קיין פראגע ביי דעם חשוב'ן יידישן דעפוטאט.

וועגען דער אימיגראציע פון יודען קיין בראזיל האט אונז דער יידישער דעפוטאט ספעציעל פערזיכערט, אז גאר אינגיכען וועט ארויסגעגעבען ווערען א דעקרעט, וואס וועט רעגולירען די איינוואנדערונג (בכלל), און וואס איז זעהר גינסטיג פאר יודען. אין די איצטיגע רעגירונגס־קרייזען, האט ד"ר לאפער געזאגט, זענען דא פיל מענשען מיט א קלארען בליק, וועלכע ווייסען, אז די יודען האבען אין דער פערגאנגענהייט מיטגעהאלפען און העלפען אויך איצט אין דעם פראגרעס פון בראזיל. קיין איינפלוסען און בעמיהונגען וועלען דערפאר נישט בעוועגען די מלוכה־מענער צו ענדערען זייער בליק אויף יודען אלס נוצליכע בירגער פון לאנד.

פרי צו בעקענען דעם לייענער מיט דער פערזענליכקייט פון ד"ר לאפער, וועלען מיר דא איבערגעבען איניגע ביאגראפישע דאטען. ד"ר לאפער איז אלט ארום 40 יאהר און איז געבוירען געווארען אין בראזיל. פון דער מוטער'ס צד שטאמט ער פון דער בעוואוסטער פאמיליע קלאבין, וואס זענען פון די ערשטע יודען אין בראזיל און היינט אויך פון די רייכסטע. ד"ר לאפער איז נאקע דער פיהרער פון א רייהע אינדוסטריעס פון דער פאמיליע קלאבין. זיינע עלטערן, וועלכע זענען אהער געקומען פון דער ליטע, וואוינען אין סאן פאולא, זענען רעליגיעזע יודען און פיהרען א יידיש־טראדיציאנעל לעבען. ד"ר לאפער קומט אפט צו די עלטערן אויף שבת און פיהרט זיך ווי זיינע רעליגיעזע עלטערן.

ד"ר לאפער'ס קאריערע איז א קורצע, אבער א קרישטאל־ריינע און ער איז זעהר בעליבט אין אלע קרייזען אין בראזיל. זיין שטודיום האט ד"ר לאפער פערענדיגט אין ענגלאנד און גיט זיך אפ ספעציעל מיט אינדוסטריע־פראבלעמען, וועלכע ער פראבירט איבערצופלאנצען אהער פון ענגלאנד.

אין 1929 איז ער געווען דער ערשטער בראזיליאנער דעלעגאט אין דער פעלקער־ליגע און האט גענומען אן אקטיווען אנטייל אין א רייהע קאמיסיעס פאר פערשידענע פראגען פון עקאנאמישען און געזעלשאפטליכען כאראקטער. א פערליוף פון יאהרען פיהרט ער אן מיט דער נאציאנאלער ליגע, וואס פיהרט דורך גרויסע קאמפיינען פאר אויפהאלטען די ליבעראלע טראדיציעס פון בראזיליאנער פאלק. ער האט ארגאניזירט און איז געווען דער פרעזידענט פון פערשידענע אינדוסטריעלע און קאמערציעלע ארגאניזאציעס און האט דערפיהרט צו דער גרינדונג פון דער אלבראזיליאנער אינדוסטריעלער קאנפעדעראציע, וואס שפילט שוין היינט צו טאג א גרויסע ראלע אין דעם לעבען פון דער בראזיליאנער אינדוסטריעלער וועלט.

אויך אין די יידישע קרייזען איז ער שטארק טעטיג. ער האט זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון דער סאן פאולער העברעאישער גימנאזיע „התחיה" און מיט זיין מיה איז נאקע אפגעשוואכט געווארען דאס געזעץ, אז קינדער פון 10 יאהר זאלען נישט טארען לערנען קיין אויסלענדישע שפראך, וואס האט געדראהט צו ליקווידירען אלע יידישע שולען אין דעם שטאט סאן פאולא. ער נעמט אן אקטיווען אנטייל אין דעם אויפבוי פון דעם יידישן טעמפל אין סאן פאולא. ווען עס זענען לעצטענס דערשינען אַרטיקלען אין ביטער געגען יודען, האט ד"ר לאפער געהאלפען ארויסגעבען אין בוך־פארם א ספעציעלע זאמלונג וועגען יודען, געשריבען פון די גרעסטע בראזיליאנער אינטעלעקטואלע. די דאזיגע זאמלונג האט טאקע פערמאכט דאס מויל פון די ערגסטע יודען־פיינט, ווייל ארויסקומען געגען יודען מיינט ארויסקומען געגען דער אינטעלעקטועלער וועלט אין בראזיל.

ד"ר לאפער, האט בעת דעם שמועס אויסגערעכענט די נעמען פון די מעהרסטע דעפוטאטען פון פערשידענע עסטאדאס (שטאטען) און פערזיכערט אין זייער יודען־פריינדליכע געפיהלען. ד"ר לאפער האפט, אז זיין ארבייט אין דער קאנסטיטואירנדער פערזאמלונג וועט איהם ערמעגליכען נאך מעהר בייצוליגען צו זיין דעם יידישן ישוב אין בראזיל און בעווייזען, אז יודען זענען א נוצליכער עלעמענט אין לאנד, פאר וועמען מען דארף ברייט עפענען די טויערען פון איינוואנדערונג.

דער ערשטער יידישער דעפוטאט אין בראזיל האט דעם יט"א פארשטעהער אויך איבערגעגעבען זיין בילד מיט אן איגענהענדיגער צושריפט, בעטענדיג איבערשיקען דורך דער „יט"א" זיין הארציגען גרוס צו אלע יודען אין דער וועלט.

יצחק רייזמאן.

קלאנג־קינא־טעאטער
ZACHETA
זגערזשער 26
היינט און פאלגענדע טעג!
גרויסע פרעמיערע!
א ...
אונטער דיין שוץ
אין די הויפט־ראלען:
Adam Brodzysz
Marja Bogda
דער זאל איז צענטראל בעהייצט.
אנהויב פון די סעאנסען טעגליך 4.30 נ"מ
שבת און זונטאג 12.30 — א זייגער בייטאג

ווירדיגער ענטפער אויף א ווענדונג פון א דייטשער פירמע

ווארשע (י.ט.א.) א געוויסע דייטשע פירמע אין ברוינשווייג האט זיך געווענדעט צום צענטראלען סוחרים־פעראיין אין ווארשע מיט א ביטע, אז מען זאל איהר רעקאמענדירען א רייהע פירמען און פריוואטע פערזאנען, וואס זאלען איבערנעהמען די פערטרעטונג פון איהרע ארטיקלען. דער סוחרים־פעראיין האט איבערגעשיקט דעם דאזיגען בריף צום צענטראל־קאמיטעט פאר דער אנטי־היטלעריסטישער ווירטשאפטליכער אקציע.

דער צענטראלער בויקאט־קאמיטעט האט תיכף געענטפערט דער דאזיגער פירמע אין א בריף וואס, איז געהאלטען אין א ווירדיגען טאן. אין דעם דאזיגען בריף ווערט צווי. אנד. געזאגט, אז זינט דער נאצי־רעזשים האט אנגעהויבען בארבאריש צו בעהאנדלען די יידישע בעפעלקערונג אין דייטשלאנד, האט דאס יידישע סוחרים־טום אין פוילען איבערגעריסען אלע האנדעלס־בעציהונגען מיט דעם היטלער־לאנד. אן ענדערונג אין דער סיטואציע קען נאר פארקומען דאמאלס, ווען יודען וועלען אין דייטשלאנד צוריקגעשטעלט ווערען אין זייערע מענשליכע און בירגערליכע רעכט.

Dr. med.
Z.Rakowski
ספעציאליסט פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען־קראנקהייטען
פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17
פון 1—11 און פון 2—3 נאכמ.

שלמה המלך'ס גרעסטע ליבע

8) לויט יידישע לעגענדעס ● פון א. אוסטילער

דעם גאנצען טאג האט עס געקאכט ווי אין א קעסעל אין דעם קעניגליכען הויף. אלע הויף־דינער און אהן א שיעור עלטסטע זענען געווען מאבילדירט איינצואָרדנען דעם באנקעט אויף דעם העכסטען און שענסטען אופן.

שלמה, וועלכער איז געווען א געוואלדיג גרויסער פרויען־קענער, האט גוט געוואוסט, וואס עס קומט פאר ביי מאקעדא'ן אין הארצען. ער האט געוואוסט, אז די קעניגין איז אין איהם שטערבליך פערליבט. אבער אויך ער איז נישט געווען אין גאנצען גלייכגילטיג צו איהר. אמת, געליבט האט ער טאקע שושנה'ן, אבער פון דעם סעקסועלען שטאנדפונקט האט איהם מאקעדא שטארק גערייצט, און דאס זעלטענע ביטעל באַ־גראַז וואס ד'האט איהר געשיקט, האט דאך אראפגענומען די האר פון איהרע פיס.

שלמה האט דערפאר געוואלט פערשיינען אויף דעם באנקעט אין זיין העכסטער מאיעסטעטישער שעהנקייט. ער האט דערפאר בעפוילען, אז דער באנקעט זאל געפראוועט ווערען אין דעם טראָן־זאל. ער האט אויך בעפוילען, אז קיין שום געקעכץ אין דער וועלט זאל נישט פעהלען, אבער אלע געקעכצען מוזען זיין שטארק געזאלצען און זיי זאלען געקאכט ווערען מיט אזעלכע געווירצען, וואס מאכען שטארק דורשטיג. נאך דעם באנקעט זאל אין גאנצען הויף נישט בלייבען קיין טראפען וואסער, א חוץ אין דעם קעניג'ס שלאפצימער.

ווען מאקעדא איז געקומען אין אוונט צום באנקעט און איז אריין אין דעם טראָן־זאל און דערזעהן דעם קעניג אויפ'ן טראָן, איז איהר הארץ אויש אפגעשוואכט געווארען. זי האט נישט געקאנט בעגרייפען, ווי א מענש און א טראָן קאנען זיין אזוי שעהן!

צוערשט האט איהר דער טראָן פערכאפט דאס אויג. זי האט דערזעהן, ווי אויף דעם טראָן שטעהען צוועלף לייבען פון גאלד, און געגענאיבער זיי צוועלף אדלערס פון גאלד, א לייב געגען אן אדלער און אן אדלער געגען לייב; די רעכטע לאפע פון דעם גאלדענעם לייב קעגען דעם לינקען פליגעל פון דעם גאלדענעם אדלער, און דער לינקער פליגעל פון דעם גאלדענעם אדלער קעגען דער רעכטער לאפע פון דעם גאלדענעם לייב — צוויי און זיבעציג לייבען און צוויי און זיבעציג אדלערס.

און גענוי האט דער טראָן זעקס גאלדענע טרעפ, אויף דער ערשטער טרעפ האט גערוהט א גאלדענער אקס און אנטקעגען איהם האט גערוהט א גאלדענער לייב; אויף דער צווייטער טרעפ האט גערוהט א גאלדענער וואלף און אנטקעגען איהם א לעמעלע; אויף דער דריטער טרעפ — א גאלדענער טיגער און אנטקעגען איהם א גאלדענער ציגענבאק; אויף דער פערטער טרעפ — א גאלדענער אדלער און אנטקעגען איהם א גאלדענע פאווע; אויף דער פינפטער טרעפ — א גאלדענע קאץ (שאקאל) און אנטקעגען איהר א גאלדענע הון; אויף דער זעקסטער טרעפ — א גאלדענער ספארבער און אנטקעגען איהם א גאלדענע טויב. אויבען אויף דעם טראָן איז געשטאנען א גאלדענע טויב און האט געהאלטען א ספארבער צווישען די פעגעל, און גאנץ אויבען איבער דעם טראָן איז געשטאנען א גאלדענע מנורה אויסגעשטאט מיט לאמפען, קנאספען, צוואנגען, פייער־פאנען, בעכערס און בלומען.

פון איין זייט פון דער מנורה האבען ארויסגעשטעקט זיבען רעהרען, אויף וועלכע עס זענען געווען אפגעבילדעט די זיבען פאטערס פון דער וועלט: אדם הראשון, נח, שם, אברהם, יצחק, יעקב און איוב. און פון דער אנדערער זייט האבען אויך ארויסגעשטעקט זיבען רעהרען, אויף וועלכע עס זענען געווען אפגעבילדעט די זיבען פרומע מענשען פון דער וועלט: קהת, עמרם, משה, אהרן, אלדד און מידד און חור אויך צווישען זיי. אויבען איבער דער מנורה האט זיך געפונען א גאלדענער קרוג אנגעפילט מיט לויטער'ן בוימעל, פון וועלכען מען פלעגט אנצינדען די מנורה פון בית־המקדש; און אונטער דער מנורה איז געווען בעפעסטיגט א גרויסער גאלדענער בעקען פול מיט לויטערען בוימעל, פון וועלכען מען פלעגט אנצינדען די מנורה איבער דעם טראָן.

אויף דעם בעקען איז געווען דאס בילד פון דעם כהן גדול עלי, און אויף די צוויי צווייגען, וואס האבען ארויסגעשטעקט פון דעם בעקען, זענען געווען די פיגורען פון זיינע צוויי זיהן, חפני און פנחס. פון די צוויי צווייגען האבען ארויסגעשטעקט צוויי גאלדענע לאמפען, וועלכע האבען געטראגען די בילדער פון נדב און אביהוא, אהרן הכהנ'ס זיהן. עס זענען דארט געווען צוויי גאלדענע זיץ־פלעצער — פאר דעם כהן גדול און פאר זיין געהילף. איבער דעם טראָן זענען געשטאנען זיבעציג גאלדענע שטוהלען, אויף וועלכע עס פלעגען זיצען די זיבעציג סנהדרין, בעת זיי פלעגען משפט'ן פאר דעם קעניג שלמה. איבער דעם טראָן האבען זיך אויך געפונען פיער און צוואנציג גאלדענע ווינשטאקען, וועלכע האבען געמאכט א שאטען איבער דעם קעניג. האט דער קעניג געוואלט ערגעץ געהן, איז דער טראָן דורך פערשידענע מאשינעריעס איהם נאכגעגאנגען. און גאר אויבען, אויפ'ן טראָן, איז געווען א קיילעכדיגער פלאץ — דארט פלעגט זיצען דער קעניג. דאס אלץ האט די שטארק איבערראשט. אבער נאך מעהר האט דעם קעניג'ס שעהנקייט פערבלענדט איהרע אויגען.

דער קעניג איז ארונטערגעגאנגען פון דעם טראָן; און ווי נאר ער האט אנגענומען די קעניגין ביי איהר ציטערענדיגער האנד, האט ער דערפילט, אז ער האט זי איינגאנצען געוואונען.

און די קעניגין האט זיך טאקע שוין מעהר נישט געקאנט בעהערשען. זי האט בעשלאסען, א היינט מוז זי זיין מיט דעם קעניג... זי וויל שוין נישט וויסען, צי ער האט זי ליב אדער נישט... זי ווייסט, אז עס איז א בעליידיגונג פאר איהר זיך איבערצוגעבען צו א מענשען, וועלכער האט זי נישט ליב. אבער זי קאן עס מעהר נישט אויסהאלטען... אויב זי קאן איהם נישט בעזיצען גאנץ און קערפערליך אויף שטענדיג, מוז זי כאטש געניסען א ווייל, וויפיל עס לאזט זיך.

איז זי געזעסען די גאנצע צייט פון דעם באנקעט פערטיפט אין געדאנקען און געהאלטען אין איין פלאנעווען ווי צו פערווירקליכען איהר פלאן. די גרעסטע מוזיקער האבען געשפילט, די וועלט־בערימטסטע זינגער האבען געזונגען און די שעהנסטע טענצערקעס האבען געטאנצט, אלע האבען געהוליעט און זיך געלאזט וואוילגעהן, א חוץ צוויי מענשען — דער קעניג שלמה און די קעניגין מאקעדא. דער קעניג איז געזעסען פערטראכט און געווארט, עס זאל שוין קומען די שעה פאר דעם מארגען־שטערן אויפגאנג, ווייל דאן וועט שושנה איהם בעגעגענען אויף דעם ספאציר אין גארטען צווישען די פאלמען־אלעען, וואוהין קיינער טאר נישט אריין א חוץ דעם קעניג, און ער האפט, אז אפשר וועט איהם דאן ענדליך געלינגען צו געווינען שושנה'ס הארץ. און מאקעדא דענקט און האלט אין איין וועבען געדאנקען ווי צו קאנען זיין מיט דעם קעניג היינט ביינאכט. וואלט ער איהר נאר געמאכט א פארשלאג, אדער איהר כאטש געגעבען אנצוהערען, וואלט ער נאר אנגעהויבען — וואלט די שוין אליין דערענדיגט! איז ער אבער שטום ווי די וואנט. א חוץ די פארמעלע אויסדרוקען, הערט זי פון איהם קיין ווארט נישט. און ווי קאן זי, די אלמעכטיגע קעניגין, זיך שוין טאקע איינגאנצען אזוי אראפלאזען און זיך אנווארפען אויף איהם!

און אזוי געהט אבער ביי איהר א קאמף צווישען הארץ און געדאנק — צווישען געפיהל און פערנונפט. א מינוט זאגט איינס, א מינוט זאגט דאס אנדערע.

דער באנקעט האט זיך געענדיגט. דער קעניג בעגלייט זי. זי וויל איהם זאגען, אבער זי קאן נישט. אט פאלט זי ארויף אויף איהם און הויבט איהם אן צו קושען, אבער זי וואגט נישט. איהר גאנצע געמיט ווערט צובראכען, ווען זי דערשפירט די קאלטקייט, מיט וועלכער דער היסטער עקזאטישע קעניג בעציהט זיך צו איהר...

מיט א פערקלעמט הארץ פערלאזט זי איהר אידעאל, דעם פולס פון איהר הארץ. א טרויעריגע, א בידער־געשלאגענע, געהט זי לאנגזאם ארויף די טרעפ, וועלכע פיהרען אריין אין איהר שלאפצימער. איהרע ווייטענדיגע אויגען פערגראבט זי אין קישען, און בעשליסט זיך בלקם צו זיין אין דעם קעניג. איהם וועט זי קיין שלעכטס נישט טון, ווי קאן זי איבערשניידען איהר פולס־אהדער! דערפאר אבער מוז זי פערניכטען שושנה'ן און זי אוועקטראנספארטירען אין איהר לאנד אריין. און מיט דעם דאזיגען געדאנק שלאפט זי איין.

עס געדויערט נישט לאנג, און א שרעקליכער דורשט וועקט זי אויף. אלע איהרע דינער לויפען ארום איבער אלע צימערן זוכען א קאפ וואסער, אבער עס איז אוממעגליך צו געפינען. די קעניגין, נישט קאנענדיג אויסהאלטען דעם דורשט, בעשליסט אליין צו געהן זוכען וואסער.

זי בלאנדזשעט איבער די קעניגליכע זאלען, ביז זי קומט אין דעם קעניג'ס שלאפצימער.

פון גרויס איבערראשונג, פון גליקזעליגקייט, און דערהארט מיט גליק געמישט מיט אומצופרידענהייט, העכסטער צופרידענקייט דורכגעוועבט מיט אומזיכערקייט, אין דעם מיש־מאש פון יא און ניין, פון געהן צו איהם אדער אנטלויפען, פון בוק אויס די געלעגענהייט און פעשטן דיין עהרע — האט מאקעדא זיך דוילע א וואך געשטאנען אין דעם קעניג'ס אריינגעכאפט און פערגראבען איהרע ווייענדיגע אויגען אין זיינע ברייטע ווארימע אקסלען.

מיט א ליבליכען צערטעל האט איהר שלמה געגרייסט, אז א „לאנגע האפנונג מאכט שוואך דאס הארץ", און עס האט זיך אנגעהויבען פאר מאקעדא'ן די שעה פון גליק.

עס האט אבער נישט געדויערט לאנג. א שעה פאר'ן מארגען־שטערן אויפגאנג האט שלמה געבעטען מאקעדא'ן צו פערלאזען זיין חדר, ווייל ער דארף וויכטיג אנבלענגן צו דער איילענדיגען. די האט איהם נאך בעצוויגערט מיט איהר שעהנקייט און מיט איהר פערשידענארטיגקייט אין דער קונסט פון תאוה, אבער ער דארף נאך געהן בעגעגענען זיין געליבטע.

פול מיט פרייד, פער'שיכורט פון דעם ליבעס בעכער, איז מאקעדא ארויס פון צימער. זי איז געווען זיכער, אז זי האט געזיגט, אז דאס איז נאר אן אנהויב, און אז אזוי גיך ווי זי וועט נאר בעזייטיגען שושנה'ן, וועט זי בעשטימט געווינען אין גאנצען דעם קעניג.

שלאפען האט מאקעדא שוין נישט געקאנט און אויך נישט געוואלט. זי איז ארויס אויף דער ווערענדע, א טאנצענדיגע, א שפרינגענדיגע, און אנגעהויבען לאזען די געדאנקען לויפען דורך איהר קאפ. זי האט צוגעמאכט די אויגען און געזעהן די נאהענטע פערגאנגענע גליקליכע שעה, און געליבטהייט געווארט און געהאפט אויף די קומענדיגע...

פלוצים דערזעהט זי שושנה'ן דורכגעהן דורך דער ווערענדע. זי פערפיהלט, אז איצט איז די בעסטע מעגליכקייט דורכצופיהרען איהר פלאן. זי פערנארט שושנה'ן אין איהר פאלאץ.

(ענדע מארגען)

רעכט און לעבען

יורידישע ביילאגע פון „נייעם פאלקסבלאט"

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט

זאַיענטשע אויף אַרבייטסלוינען

די בעשטימונג, אַז ס'טאָר נישט געלייגט ווערען קיין זאַיענטשע פאַר אַ חוב אויפ'ן לוין פון אַן אַרבייטער, אויב דער לוין בעטרעפט נישט מעהר, ווי 100 זל. אַ חודש, דאַרף נישט פאַר־שטיין ווערען אין דעם זין, אַז קוים איבערשטייגט דער אַרבייטסלוין די סומע פון 100 זל. אַ חודש, למשל, ווען ס'בעטרעפט 101 זל. אַ חודש, מעג מען שוין דאַן יאָ לייגען אַן אַרעסט, אין דער פולער ברייט ד"ה אויף איין פינפטעל פון גאַנצען לוין, נאָר זי מוז אויסגעטייטשט ווערען אין דעם זין, אַז אַ זאַיענטשע אויפ'ן אַרבייטס-לוין, אויב ר'בעטרעפט מעהר ווי 100 זל. אַ חודש, מעג מען לייגען נאָר אויף דער איבערגעשטיגענער סומע אַזוי, אַז 100 זל. אַ חודש מוז איבערגעלאָזט ווערען דעם אַרבייטער אויף חיונה.

פערגיטיגונג פאַר אורלויבען

אויב אַן אַרבייטער איז געווען אין משך פון דער איהם בעשטימטער אַרבייטסצייט בעשעפטיגט אין אַן אַנדערער אונטערנעהמונג אָדער אפילו ביי זיך אין דער היים, מיט איין וואָרט: אויב ר'האָט נאָר אויסגענוצט די געגעבענע איהם אורלויב-צייט צו פערדינסט-צוועקען, האָט ער שוין נישט קיין רעכט צו מאָהנען פון אונטערנעהמער קיין פערגי־טיגונג פאַר אורלויב.

מאַטיוו פאַר אַנ'עקסמיסיע

אַ קרעמער האָט נאָך אייניגע יאָהרען וואוי־נען אין אַ הויז פלוצלינג אָנגעהויבען צו עפענען זיין געוועלב אין שבת. דער בעל-בית איז אַרויס־געטרעטען מיט אַנ'עקסמיסיע-פראָצעס, טענהנדיג, אַז די האַנדלונג פון לאָקאַטאָר פערמיאוסט איהם און די שכנים דאָס לעבען אין הויז, וואָס איז, ווי ער טענה'ט, אַ מאַטיוו פאַר אַנ'עקסמיסיע.

דאָס העכסטע געריכט האָט אייַנגעזעהן, אַז דאָס איבערטרעטען די רעליגיעזע פאָרשריפטען קאָן נישט דינען אַלס מאַטיוו פאַר אַנ'עקסמיסיע.

אומזאַץ-שטייער

סחורות, וועלכע ווערען עקספּאָרטירט קיין רוסלאַנד, אַלס אייגענע צי ס'האַנדעלט זיך וועגען פאַרטיגע רוי-שטאָפען אָדער האַלבע פאַבריקאַטען, זענען בעפרייט פון אומזאַץ-שטייער, פריי איז אָבער נאָר דער פערקויף אָבער בשום אופן נישט די פערמיטלונג, עקספּעדיציע, טראַנספּאָרט א.א.װ.

פערזיכערונג פון גייסטיגע אַרבייטער

מלמדים אין חדרים, תלמוד-תורות און ישי־בות, אומאָפּהענגיג פון זייערע קוואַליפיקאַציעס ווערען בעטראַכט פאַר גייסטיגע אַרבייטער און ממילא דאַרפען זיי פערזיכערט ווערען אין פער־זיכערונגס-אַנשטאַלט פאַר גייסטיגע אַרבייטער, אָדער נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי בעקומען פאַר זייער פּרנסה אַ געוויסע געלד-בעלוינונג, קוים בע־קומען זיי בלויז אויסהאַלט דאַרפען זיי נישט פער־זיכערט ווערען.

נייע געזעצן

סטעמפּעל-אָפּצאָהל פון אומזאַץ מיט ווערט-פּאַפּירען

לויט דער פעראָרדנונג פון פינאַנץ-מיניסטער פון 15. נאָוו. 1933 איז דער סטעמפּעל-אָפּצאָהל פון אומזאַץ מיט ווערט-פּאַפּירען פערקלענערט גע־וואָרען פון איין פינפטעל פּראָצענט אויף איין צעהנטעל פּראָצענט.

די פעראָרדנונג איז גילטיג פון 1. יאַנואַר 1934 ביז'ן 31. דעצעמבער 1935.

טאַקסע פאַר השגחה איבער פאַראָווע קעסלען

לויט אַ פעראָרדנונג פון אינדוסטריע- און האַנדעלס-מיניסטער פון 30. נאָוועמבער 1933 איז אייַנגעשטעלט געוואָרען פאָלגענדע טאַקסע פאַר השגחה איבער פאַראָווע קעסלען, וועלכע געהערען צו פּריוואַטע פּערזאָנען, נישט מיטגלידער פון דער וואַרשאַווער געזעלשאַפט פאַר השגחה איבער פאַ־ראָווע קעסלען:

פאַר יעדען קעסעל פון אַ בעהייצונגס-אוי־בערפלאַך ביז 2 קוואַדראַט מעטער 48 זל. 75 גר. אַ יאָהר; פון 2 ביז 20 קוואַדראַט מעטער—78 זל.; פון 20 ביז 50 קוואַדראַט מעטער — 102 זל.; פון 50 ביז 100 קוואַדראַט מעטער — 152 זל.; פון 100 ביז 200 קוואַדראַט מעטער — 210 זלאָטעס; פאַר יעדער ווייטערדיגע 100 קוואַדראַט-מעטער — 70 זלאָטעס.

די דערמאָנטע טאַקסע פערפליכטעט פון 1. יאַנואַר 1934.

הנחה-צאָל-טאַריף פאַר אימפּאָר־טירטע עפּעל

אין הסכם מיט דער פערעפענטליכטער פער־אָרדנונג פון פינאַנץ-מיניסטער אין דזש. אוסטאַוו נומ' 99 פּאַז. 763, וועט מען אין משך פון 16. דעצעמבער 1933 ביז'ן 15. אַפּריל 1934 מעגען פריי נפיהרען קיין פוילען פרישע עפּעל, געפּאַקטע אין סכומים פון 15 ביז 40 קילאָגר. לויט אַנ'ה הנחה'דיגען צאָל-טאַריף אין דער הויך פון 21 און האַלבען פּראָצענט פון נאָרמאַלען טאַריף.

אויף אַזאַ הנחה מוז אָבער זיין אַנ'ערלויב־ניש פון פינאַנציניסטעריום.

די פעראָרדנונג איז אריין אין קראַפט פון 18. דעצעמבער 1933.

רעגיסטראַציע-קאַרטען פאַר פערקויף שטעלען און לאַגערן

אויף יעדער זעלבסטשטענדיגער אונטערנעה־מונג מוז אויסגעקויפט ווערען אַ בעזונדערער פּאַטענט. פאַראַן אָבער פיל אינדוסטריע-אונטער־נעמונגען, וועלכע פיהרען אין פערשידענע פּונקטען פערקויפס-שטעלען פון זייערע אויסאַרבייטונגען, אַנטשטייט דאַן אַ פראַגע, צי ווערען אַזעלכע פער־קויפס שטעלען בעטראַכט, ווי זעלבסטשטענדיגע אונטערנעמונגען, אָדער ווי בעשטאַנדטיילען פון די אייגענטליכע אינדוסטרי-אונטערנעמונגען?

אַלזאָ אויב אַנ'אינדוסטרי-אינטערנעמונג פיהרט גלייכצייטיג אַ פערקויף פון אייגענע אויס־אַרבייטונגען אין הורט ד. ה. אין גרעסערע סומען צו סוחרים אָדער פאַבריקאַנטען, ווערט אַזאַ פער־קויף-שטעל נישט בעטראַכט פאַר קיין זעלבסט־שטענדיגע אונטערנעמונג און ממילא דאַרף פאַר איהר נישט אויסגעקויפט ווערען קיין בעזונדערער האַנדעלס פּאַטענט, דאַגעגען מוז זי אָבער יאָ פער־זעהן ווערען מיט אַ רעגיסטראַציע-קאַרטע.

אַנדערש איז אָבער דער פאַל, ווען אַזאַ פערקויף קומט פאָר אין דעטייל אָדער אפילו אין הורט, נאָר צוזאַמען מיט פרעמדע אויסאַרבייטונגען, דאַן ווערט שוין די פערקויף-שטעל טראַקטירט, ווי אַ זעלבסטשטענדיגע אונטערנעמונג, פאַר וועלכער ס'מוז אויסגעקויפט ווערען אַ ספּעציעלער האַנדלס פּאַטענט.

רעדענדיג וועגען הורט-פערקויף-שטעלען אַלס בעשטאַנדטיילען פון אינדוסטרי-אונטערנעמונגען, דאַרף פעסטגעשטעלט ווערען, אַז אין דער זעלבער שטאָט וואו די אייגענטליכע אונטערנעמונג געפינט זיך, מעגען געפיהרט ווערען אַ סך אַזעלכע פערקויף-שטעלען. אויסערהאַלב דער שטאָט, וואו די אונ־טערנעמונג געפינט זיך, מעג געפיהרט ווערען אַ פערקויף-שטעל אויפ'ן גרונד פון אַ קאַרטע-רעגי־סטראַציע אויסשליסליך נאָר אין איין איינציגען פּונקט. אַלע איבריגע פערקויף-שטעלען ווערען דאַן בעטראַכט ווי זעלבסטשטענדיגע אונטערנעמונגען פאַר וועלכע ס'מוז אויסגעקויפט ווערען בעזונדערע האַנדעלס-פּאַטענטען.

כדאי אויך צו בעמערקען, אַז אַ פערקויף פון אייגענע אויסאַרבייטונגען אין ענצעל און אין קליינע סכומען אין זעלבען לאָקאַל, וואו די אינ־דוסטרי-אונטערנעמונג (ווערקשטעל, פאַבריק) געפינט זיך, מעג אפילו דאָס פערקויפס-אָרט זיין אָפּגע־גרעניצט פון אַרבייטס-אָרט דורך אַ קאָרידאָר, ווענ־טעל, טרעפּען א.א.וו. ווערט נישט בעטראַכט פאַר קיין זעלבסטשטענדיגע אונטערנעמונג, ממילא דאַרף מען נישט פאַר אַזאַ פערקויף אויסקויפען אַ פּאַ־טענט און אפילו אויך נישט קיין רעגיסטראַציע-קאַרטע.

ביי איין געלעגענהייט דאַרף אויך שוין אויס־מערקזאַם געמאַכט ווערען אויפ'ן פערהאַלטעניס אונ־טערשיד צווישען אַ פערקויף-שטעל און אַ לאַגער.

אַ לאַגער הייסט איין אָדער עטליכע פער אייניגטע אָביעקציעס, וועלכע געהערען צו איין אינדוסטריעלע אָדער האַנדעלס-אונטערנעהמונג, וואָס דינען אויסשליסליך צו מאַגאַזינירען, טרוקענען, ריינינגען, סאָרטירען, איבערלאָדענען אָדער פּאַקען סחורות, רויה-שטאָפען, מאַשינען אָדער אַנדערע חפצים. אין אַזאַ לאַגער טאָרען נישט געשלאָסען ווערען קיין שום געשעפטליכע טראַנזאַקציעס און ער טאָר אויך נישט טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ האַנדעלס-אונטערנעהמונג.

אויף יעדען לאַגער מוז אויסגעקויפט ווערען אַ רעגיסטראַציע-קאַרטע.

ביז'ן סמך פון אַנ' I קאַטעגאָריע האַנדעלס-פּאַטענט מעג מען בעזיצען לאַגערן אויפ'ן שטח פון גאַנצען לאַנד. אַ פּאַטענט II קאַט. בערעכטיגט צו האַלטען לאַגערן בלויז אין דער זעלבער שטאָט, אַ פּאַטענט III קאַט. דערלויבט צו האַלטען בלויז 2 לאַגערס און נור אין זעלבען הויז, וואו דאָס געשעפט געפינט זיך.

האַנדעלס-אונטערנעהמונגען פון IV קאַטעג טאָרען נישט בעזיצען קיין לאַגערן.

פאָרשריפטען וועגען אויסשליסען א מיטגליד פון א שותפות

מיט בעגר. האַפטונג

אויפ'ן פערלאַנג פון אַלע איבעריגע שותפים, וועלכע רעפּרעזענטירען איבער אַ העלפט אַדוזשאַל, קאָן דאָס געריכט צוליב בערעכטיגטע טעמים, פעראָרדנען אויסצושליסען יעדען שותף. דער אַו־דזשאַל פון אויסגעשלאָסענעם שותף קאָן איבער־גענומען ווערען דורך די איבערגעבליבענע שותפים אָדער דורך אַ פרעמדען פּערזאָן. די ווערט פון איבערגענומענעם אודזשאַל שטעלט פעסט דאָס גע־ריכט.

דאָס געריכט בעשטימט אויך אַ טערמין, אין משך פון וועלכען דעם אויסגעשלאָסענעם שותף מוז אויסגעצאָהלט ווערען די פעסטגעשטעלטע סומע צוזאַמען מיט די צינזען, רעכנענדיג פון טאָג, ווען די אָנקלאַגע איז איבערגעגעבען געוואָרען. אין נעגענפאַל פערלירט די דעציזיע וועגען אויסשליסען איהר גילטיגקייט.

אין אַזאַ פאַל האָט דער צוריקגעקעהרטער שותף רעכט צו מאָנען אַנטשעדיגונג פאַר דער עולה פון די אָנקלאָגער.

אַ געזעצליך אויסגעשלאָסענער שותף, וועל־כער האָט אין דער בעשטימטער צייט בעקומען דעם בעטראָף פון אודזשאַל, ווערט בעטראַכט פאַר דערווייטערט פון שותפות שוין פון מאָמענט, ווען מ'האָט איהם איבערגעגעבען די אָנקלאַגע. דערביי מוז מען אָבער אויך געדענקען, אַז די געזעצליכ־קייט פון די האַנדלונגען, אין וועלכע דער אויס־געשלאָסענער שותף האָט זיך בעטייליגט שוין נאָכן איבערגעבען איהם די אָנקלאַגע, קאָן צוליב דעם נישט קוועסטיאָנירט ווער־.

צום סוף איז דערמאָגלייכען אויך כדאי צו בעמערקען, אַז צוליב בערעכטיגטע מאָטיווען קאָן דאָס געריכט אָפּשטעלען אַ מיטגליד פון אַ שותפות מיט בעגרעניצ. האַפטונג אין אויספיהרען זיין מיט־גלידער-רעכט. אַזאַ קאָן דאָס געריכט אַנגעמען אין פאָרם פון אַ זאַבעזפּיעטשעניע.

—:(ס:)—

אָרטאָפּעדישער אַנשטאַלט

בראַטעזען, גאָרסעטען, אָר־טאָפּעדישע אַפּאַראַטען אַלער אַרט, לייכטע פּלאַט־פוס-איינלאַגען בענען פוס־שמערצען אַלס נאָך גיפּס־אָבדרוק.

Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović

פּיעטריקאָווער 119, טעל. 281-81

יאָ געה'ן, נישט געה'ן

(סקיצע)

פון לִיאַלאַ קויפמאַן.

אידאַ איז געווען אין שרעקליכער פערלע־גענהייט.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין איהר אָבער־צהן־יאָהריגען לעבען, אַז מען רופט זי אויף אַ בעזוך אין אַ בחור'שער וואוינונג, אין אַ געהיים ווינקעלע — און וועגען דעם ווייס קיינער נישט טאָרען וויסען: נישט דער טאַטע, נישט די מאַמאַ, נישט די עלטערע שוועסטער (דער עיקר — די עלטערע שוועסטער!).

דער דאָזיגער טאָג דערנעהנטערט זיך, און אידאַ האָט נאָך אַלץ נישט בעשלאָסען: צי זאָל זי יאָ געהן, צי נישט?

און געהן האָט זי אַזוי מורא'דיג געוואָלט! עס האָט זיך איהר געוואָלט פערבלייבען צום ער־שטען מאָל אין איהר אַבטצעהן־יאָהריגען לעבען אַנגעטאָן פייער אויגען מיט איהר „קעצעלע", ווי ער רופט אַ צערטליך יענעם צוויי און צוואַנציג יאָה־ריגען בחור.

פון איהרע מחשבות ווערט איהר אַזוי דאָס האַרץ ווי אָפּגעשטאַרבען. וואָס וועט דאַן זיין? מוזען וועלען די זיך, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט זעהען. זי האָט אָבער מורא. זי האָט מורא פאַר אַלץ: די זאָל נישט בעגעגענען עמיצען פון איהרע בעקאַנטע ביי איהם אויף די טרעפּ; די עלטערן זאָלען ביינאַכט דערוויסען; די עלטערע שוועסטער זאָל זיך נישט אָנשטויסען... אָ, די עלטערע שוועס־טער איהרע! פון גאַנץ פריה אָן קוקט די עפּעס אַזוי פערדעכטיג אויף איהאַן.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט?...
— איך האָב זיך גאָרנישט אויסגעפּוצט — ווערט אידאַ בלאַס און רויט. — פערקעהרט, איך....

— וואָס „פערקעהרט"?... — בעטע זי דורך ווי מיט אַ קעלט דער שוועסטער'ס אָנגעשפּיצטע אויגען. דיי בייזע האָבען האָט איין געזעהן אַ צי מער נאָך זי, אידאַ האָט נישט וועלען זיך צו אָבטלויפען פון דער שוועסטער'ס שטרענגע אויגען!

— פאַרוואָס עסטו נישט גאָרנישט? ביסטו נישט געזונט? — פרעגט איהר די מוטער ווען שטעהן ביים עסען.

און דער טאַטע וואַרטשעט אין טעלער אַריין:
— אַז זי לויפט אַרום גאַנצע טעג... קיינמאָל אין דער היים נישטאָ...!

ביי אידאַ'ן טוט דאָס האַרץ אַ פאַל אַראָפּ. זי האָט דאָך גראָד נאָר־וואָס געוואָלט בעטען, מען זאָל זי לאָזען אין אָוונד געהן צו אַ „פריינדין"...

וואָס זאָל זי טון? טרעהרען נעמען זי שטי קען אין האַלז. ס'אַרא אומגליקליכע זי איז!...

און די צייט געהט דערווייל און געהט. זי צייט לויפט, אָט איז שוין באַלד אָוונד.... און פּלוצלינג כאַפּט אידאַ'ן אַרום אַ בערוהיגונג: נו, נישט בעשערט אַזיבים, אפשר איז אַזוי בעסער?.. זי האָט אַזוי פיל אָנגעהערט, אידאַ, פון איהר מו־טער און בעזונדערס פון איהר עלטערע שוועס־טער וועגען פערשידענע „אומגליקען", וואָס פאַ־סירען מיט יונגע מיידלעך, ווען די יעטע נישט פאַרזיכטיג און בעזוכען יונגעלייט אין זייערע בחורי־שע וואוינונגען. אַ קעלט לויפט איהר אַוש דורך איבערן לייב, ווען זי דערמאָנט זיך וועגען אָט די אַלע מעשיות מיט פעראומגליקטע מיידלעך!

נישט בעשערט! מילא... וועט זי בלייבען אין דער היים, וועט זיך אַוועקלייגען אויף דער סאָפע נעמען אַ בוך און וועט לייענען — אָט אַזוי וועט ווערוויילן די צייט אַוועק און אַ סוף, נישט בע בעשערט!...

אידאַ לייגט זיך אויף דער סאָפע, נעמט אַ בוך און הויבט אָן לייענען. אָבער פון אונטער די שורות, קוקט אַרויס „קעצעלע'ס" פּנים. די בוכ־שטאַבען דעהען איהר אויס ווי זייערע אויגען, די שורה'לעך — ווי זייערע וואָנסעלעך. זי זוכט דאָס אות „ק", — זיין נאָמען — און דאָס האַרץ נאָגט איהר נאָך די פערלוירענע קושען...

זי כאַפּט אַ קוק אויף דער שוועסטער, וואָס ליגט אויך דאָ אין צימער, אויפ'ן בעט און אויך מיט אַ בוך.

אַ"ה, ווען נישט אָט די שוועסטער!..

מיטאַמאָל פליהט איהר דורך אַ געדאַנק: און וואָס, אַ שטייגער, אַז די שוועסטער וועט איינשלאָ־פען וועט'ן?.. אָט אַזוי וועט זי לייענען, לייענען און אַנטשלאָפען ווערען...

אידאַ ווערט אַזש בלאַס פון איבערראַשונג: אפשר איז פאָרט בעשערט?..

און זי כאַפּט אַלע ווייל אַ קוק אויף דער על־טערער שוועסטער און בעט גאָט אין האַרצען:

— גאָט! מאַך אַזוי, אַז זי זאָל אַנטשלאָפען ווערען! זאָל זי אַנטשלאָפען ווערען!!...

און דער נס איז געשעהן!! דער שוועסטער'ס אויגען האָבען זיך פּאַמעליך פערמאַכט; באַלד אַ מינוט — און זי שלאָפט שוין און דאָס בוך פאַלט מיט אַ שטילען שאָרך אַראָפּ אויף דעם טעפּעך...

אידאַ גליטשט זיך אַראָפּ פון דער סאָפע.

— בעשערט! עס איז דאָך קלאָהר.

און אָהן דעם מינדסטען גערויש, ווי אַ מייזעל שאַרט זי זיך אַרויס פון דעם צימער...

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער טעבעו

נייער פאלקסבלאט

דעצעמבער

זון-אויפגאנג 7.42
זון-אונטערגאנג 3.25

[זו:טאג
24
ו
טבת תרצ"ד

א קאמפּענסאציע אפּמאך

צווישן פּוילן און פראנקרייך אויף 20 מיליאן שווייצארישע פראנק

(אג) ווי מיר דערוויסן זיך, ווערט אין דער באַהעגעסטער צייט צווישן פּוילן און פראַנקרייך געשלאָסן ווערן אַ קאָמפּענסאַציע אָפּמאַך אויף אַ סחורות-אויסטויש אויף אַ סומע פון 20 מיליאָן שווייצאַרישע פראַנק. די אונטערהאַנדלונגען ווערן שוין געפירט זייט אַ לענגערער צייט און די פאָדערונגען פון ביידע צדדים זענען שוין דעפיניטיוו פעסטגעשטעלט געוואָרן. אין די ראַמען פון דאָזיגן אָפּמאַך וועלן פון פּוילן אַרויס געפירט ווערן האָלץ און קאָנפעקציע. די סחורות וואָס וועלן אויפ'ן סמך פון קאָמפּענסאַציע אָפּמאַך עקספּאָרטירט ווערן, וועלן געניסן פון די מינימאַלסטע סטאַווקעס פון פראַנצויזישן צאָל-טאַריף. פאַר קאָנפעקציע בעטרעפט די סטאַווקע 15 פּראָצענט, בעת איצט ווערט פון דער קאָנפעקציע אָפּגעצאָהלט 60 פּראָצענט.

דאָס שליסן דעם אָפּמאַך ווערט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דעם געגענזייטיקן סחורות-אויסטויש צווישן פּוילן און פראַנקרייך, ווייל דער עקספּאָרט פון די דאָזיגע סחורות האָט אָנגעטראָפן אויף באַדייטענדע שוועריגקייטן צוליב דעם, וואָס די קאָנטינגענטן, וועלכע פראַנקרייך האָט ערטיילט פאַר פּוילן זענען געווען זייער קליין און האָבן זיך שנעל אויסגעשעפּט. אויסער דעם איבערגערעכנטן אָפּמאַך ווערן באַלד געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן דער רעגולירונג פון אַ ריי פראַגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם פּויליש-פראַנצויזישן סחורות אויסטויש.

אויף וואס פארע בעדינגונגען

וועלען די עקספּארטערען אונטערשטיצט ווערען?

אויף אַ קאָנפערענץ אין דער האַנדעלס-קאַמער מיט פערטרעטער פון שיף-געזעלשאַפטען, זענען אָנגענומען געוואָרען די עקספּאָרט-בעדינגונגען אין די אויסער אייראָפּעאישע מעבר-לים-לענדער.

די בעדינגונגען, וואָס די האַנדעלס-קאַמער האָט צוגעשיקט צום האַנדעלס-מיניסטעריום זענען פאָלגענדע:

ס'מוז אָנגעוויזען ווערען, אז די סחורה ווערט געשיקט דירעקט מיט דער שיף.

אויב ס'איז נישטאָ קיין דירעקטע שיף-ליניע פון פּוילישען פּאָרט צו דעם בעשטימטען לאַנד, מוז די פירמע צושטעלען די נויטיגע דאָקומענטען, אז די סחורה געהט אין דעם בעשטימטען לאַנד. די דאָקומענטען מוזען בעשטעטיגט ווערען מיט אַן אונטערשריפט און שטעמפּעל פון דער שיף-געזעלשאַפט.

מילך און ברויט פאר ארימע שול-קינדער

טעטיגקייט פון בעפלעגונג-קאמיטעט ביים שטאטישען שול-ראט

לויט אַ בעריכט פון שטאָטישען שול-ראַט איז צו זעהען, אַז דער פערפלעגונגס-קאָמיטעט ביים שול ראַט האָט אַנטוויקעלט אַ ברייטע טעטיגקייט. דער בעריכט פון 1 אויגוסט ביז'ן 15 דעצעמבער ד. י. איז פאָלגענדער:

הכנסות האָט דער קאָמיטעט געהאַט 13079 זל. מיט 40 גר. אויף מילך און ברויט איז אויסגעגעבען געוואָרען 5363.68 זל. געבליבען איז אויפ'ן 16 דעצעמבער 7715 זל. מיט 72 גר.

אין משך פון נאָוועמבער און דעצעמבער זענען בעפלעגט געוואָרען 4009 קינדער פון 208 שולען. אַ חוץ ברויט און מילך האָבען די קינדער אויך בעקומען 2042 קילאָ צוקער און 10322 קילאָ קאַווע.

אין משך פון דער אויבענדערמאָנטער צייט, האָט דער קאָמיטעט דערהאַלטען פאָלגענדע שפּענדען: די פערוו. פון דער גימנאַזיע ספּאָלעטשנע — 150 זל., דיר. ר. האַמאַן — 100 זל., אַרבייטער פון קאָאָפּעראַטיווער באַנק — 100 זל., אינדוסטריעלער-באַנק — 50 זל., ק. אייזענברוין — 50 זל., ק. אייזערט — 50 זל., ס. אָסער — 50 זל., שילער פון דייטשען גימנאַזיע — 25.10 זל., מ. גרודזשען — 25 זל., קוימענקעהרער-צעך — 25 זל., פרייע ציגהערער — 25 זל.

דער קאָמיטעט דאַנקט אַלע שפּענדער פאַר די געגעבענע שפּענדען לטובת די הונגעריגע שול-קינדער.

בעזוך פון זלמן רייזען אין דער מעדעם-שול און בראכאָוו-שול

פון די אָנגעזעהענע געסט, וועלכע זענען געהאַט אַראָפּגעקומען קיין לאָדז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקאַדעמיע לכבוד משה בראָדערזאָנען, איז זלמן רייזען געבליבען אין אונזער שטאָט עטליכע טעג צוליב אייניגע ענינים, וואָס זענען פאַרבונדען מיט דעם יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט (ייוואָ). ביי דער געלעגענהייט האָט דער חשובער גאַסט בעזוכט אייניגע יודישע אינסטיטוציעס. נאַטירליך איז זיין ערשטער וויזיט געווען אין די יודישע שולען, אין דער מעדעם-שול און אין דער בראָכאָוו-שול.

אין דער בראָכאָוו-שול זענען די לימודים שוין געווען פאַרענדיגט, אַזוי אַז דער גאַסט האָט פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון לעהרער-פּערסאָנאַל, איבערשמועסנדיג זיך וועגן מצב פון דער שולע. אין דער מעדעם-שול איז גראָד געווען אַ שילער-אויפטריטע, דאָס הייסט, אַ פאַרזאַמלונג פון די שילער, אויף וועלכער עס ווערן בעהאַנדעלט דורך די קינדער אונטער דער פירונג פון די לעהרער פאַרשידענע לויפענדע פראַגען פון שול לעבען.

דער לייטער פון דער שולע ה' ל. לאַזאַווסקי, האָט פאַרבעטען זלמן רייזענען און זיינע בעגלייטער (ער איז געקומען אין דער בעגלייטונג פון רעד. לאַזאַר פוקס און ש. איזנפעלד) אויף דער פאַרזאַמלונג פון די קינדער. ה' לאַזאַווסקי האָט כאַראַקטעריזירענדיג די טעטיגקייט פון זלמן רייזענען און זיין בעדייטונג אין דער בעוועגונג פאַר דער יודישער שול און דיבע פאַר'דינסטען פאַר דער יודישער ליטעראַטור.

מיט אַ וואָרט צו די קינדער האָט זיך דאַן געווענדעט זלמן רייזען. ער האָט זיי ערקלערט, די ראָלע די יודישע שול, אין דער שול מיט דער יודישער אונטערריכטס-שפּראַך און זיין שטאַלץ מיט דעם גורל, וואָס זיי איז אויסגעפאַלען צו זיין צווישען די ערשטע, וואָס לערנען זיך אין דער נייער יודישער שול. און דאַרפען זיין דאַנקבאַר זייערע עלטערען, וואָס זיי האָבען פאַרשטאַנען די נויטווענדיגקייט צו לערנען די קינדער אין זייער מוטער-לשון. רייזען האָט דערציילט די קינדער וועגען די יודישע שולען אין ווילנע, ווי שטאַלץ עס זענען דאָרט די קינדער, וועלכע לערנען זיך אין די דאָרטיגע יודישע שולען, אַז דורך דער יודישער שפּראַך ווערען די קינדער פאַרבונדען מיט דער גאַנצער וועלט, ווייל אומעטום געפינען זיך יודען, וועלכע פאַרשטייען יודיש.

רעד. לאַזאַר פוקס האָט די קינדער דערציילט אייניגע עפּיזאָדען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער ענטשטעהונג פון דער מעדעם-שולע. צו דער צייט, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע אין לאָדז יודישע שול מיט דער יודישער אונטערריכטס-שפּראַך בעת דער מלחמה. ער דערמאָהנט די גרויסע פאַרדינסטען, וועלכע עס האָט דערביי געהאַט דער פאַרשטאָרבענער ראַבינער ישראל ליכטענשטיין, רעדט וועגען דער גרויסער ליבע פון פאַרשטאָרבענעם צום קינד, צו דעם יודישען לשון, צו אַלע לייערענדע און קעמפענדיגע. ביים דערמאָהנען דעם נאָמען ליכטענשטיין שטייען אַלע קינדער אויף פון די ערטער.

נאָך אַ וואָרט פון ש. איזנפעלד האָט זיך זלמן רייזען געזעגענט מיט די קינדער און מיט די לעהרער.

פאר בעשעפטיגען זיך מיט אלפאנסענעריי

פער'משפּט געווארען אויף א יאהר טורמע

(2) אין קרייז - געריכט איז נעכטען פאַרגעקומען דער פּראָצעס געגען דעם 41-יעהריגען מאַרטשין קראַמאַרסקי, וועלכער האָט זיך בעשעפטיגט מיט אַלפאָנסענעריי און געצויגען פאַרדינסטען פון פּראָסטיטוציע פון גאַסען-מיידלעך.

קראַמאַרסקי האָט זיך נישט מודה געווען אין דער שולד, ערקלערענדיג, אַז ער האָט גאָר די גאַנצע יאָהרען געהאַנדעלט מיט בהמות. די עדות האָבען אָבער אויפגעוויזען די שולד פון אָנגעקלאָגטען. דאָס געריכט האָט איהם פער'משפּט אויף אַ יאָהר טורמע און צו פערלירען די רעכט אויף 3 יאָהר.

איבערגעפאהרען אנ'ארבייטער

(2) אויף גדאַנסקאַ, נעבען נומער 65 איז איבערגעפאָהרען געוואָרען דורך אַנ'אויטאָ דער אַרבייטער יוזעף יאַניצקי (גדאַנסקאַ 65). פּאָגאָטאָוויע האָט איהם ערטיילט ערשטע הילף.

Dr. med.

L. Berman

צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע-בעהאַנדלונג און מעטסוועלע בעראַטונג.

אַלע אַרט אַנאַליזען.

נעהמט אָן פון 8—11 און 4—8 אָוו. זונטאָג פון 9—1 בעזונדער פאַר אונבעמיטעלטע - לעטשניצע-פּרייזען

זאַל „פילהאַרמאָניע" נאַרוטאָוויטשאַ 20 טעלעפ. 213-84

מיטוואָך, דעם 27-טען דעצעמבער, 9 אָוונד וועט דער בעקאַנטער יודישער

זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר פון „מאָמענט"

מארק טורקאוו

האַלטען אַ סענסאַציאָנעלען פאָרטראַג אויף ד. ט.:

„מארגן ווידער קריג" (איינדריקן פון זשענעווע)

טעזען: דער פעלקער-בונד פון שטרעזעמאַנ'ען ביז היטלער'ן. — מלחמה-העצער, וואָס פּרעדיגען שלום און „פּאַציפיסטען", וואָס גרייטען צו אַ מלחמה. — דער האַקענקרייץ אינ'ם פעלקער-בונד. — פּנים-אל-פּנים מיט געבעלס'ען. — די יודישע לאַגע אין דייטשלאַנד און דאָס געוויסען פון דער וועלט.—יודישע דיפּלאָמאַטיע און יודישער גורל. — דער רב פון אויסטראַליען און דער היטלער-מיניסטער.— „316 מיניסטאָרען — אייראָפּאַ, די ביזט פערלוירען"... — צי געפינען מיר זיך טאַקע ערב אַ נייע מלחמה?

בילעטען פון 50 גראָשען ביז 2 זלאָטעס שוין צו בעקומען בײ דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע

(2) דעם קומענדיגען דאָנערשטאָג נאָך די תגאות, דעם 28 ד. ח. פון 8 אינדערפריה הויבט אָן צו אַמטירען אַ צוגאַב-פּאָבאָר-קאָמיסיע אין לאָקאַל אויף פּעטריקאָווער 165 פאַר פּ.ק.או. לאָדז-שטאָט 2.

צו דער קאָמיסיע דאַרפען זיך שטעלען די פּאָבאָראָווצעס פון 1912 און עלטערע, וועלכע האָבען זיך צו קיין קאָמיסיע נישט געשטעלט, האָבען נישט רעגולירט זייער מיליטער-פליכט, וואוינען אויפ'ן שטח פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14, וועלכע האָבען בעקומען נאָמענטליכע אויספאָדערונגען פון דער לאָדזער שטאָטישער סטאַראָסטווע.

שטילשטאנד אויפ'ן לאדזשער גאלאנטעריע מארק

(אג) נישט קוקענדיג אויף דעם ערב תגאות סעזאָן האָט מען אויף דעם לאָדזער גאַלאַנטעריע מאַרק נישט בעמערקט קיין גרעסערע אויפלעבונג. די אייגענטימער פון די גאַלאַנטעריע געשעפטען פערזיכערען, אַז היי-יאָהר זענען די אומזאַצען געווען כמעט מיט 50 פּראָצענט קלענער, ווי פאַר-יאָהרען, די גאַלאַנטעריע פּראָדוצענטען. וועלכע האָבען נאָך מיט אייניגע חדשים צוריק פערקויפט דעטאַליסטען די תגאות אַרטיקלען האָבען איצט, צוליב מאַנגעל אין בעשטעלונגען פולשטענדיג אָפּגעשטעלט די פּראָדוקציע. עטוואָס גרעסערע נאָכפראַגע איז נאָר נאָטירט געוואָרען אויף אייניגע אַרטיקלען, פון וועלכע עס דאַרף אין דער ערשטער רייהע דערמאָהנט ווערען וואָלענע הענדשקעס, צוליב דעם זענען אויך די פּרייזען אויף דעם דאָזיגען אַרטיקעל אין די לעצטע טעג בעדייטענד געשטיגען כמעט אויף 35 פּראָצענט, אַ גרויסע נאָכפראַגע איז אויך געווען אויף וואָלענע זאָקען פון וועלכע דער אָנבאָט האָט אָפט נישט געדעקט די נאָכפראַגע.

פוילישע האנדעלס-אינפאר-מאציע-אגענטור

גיט אלע ארט האנדעלס-אינפאר-מאציעס

די האַנדעלס-קאַמער איז מודיע, אַז די פּוילישע האַנדעלס-אינפאָרמאַציע-אַגענטור אין וואַרשאַ (טשאַצקיעגאָ 6) גיט אַלע אַרט האַנדעלס-אינפאָרמאַציעס, אַזוי אַז די אַגענטור ווערט געפיהרט פון געניטע פאַכלייט.

אפּטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

י. קאָפּראָווסקי (נאָוואָמיעסקאַ 15), ס. טראָווקאָווסקי (בזשעזשינער 56), מ. ראָזענבלום (שרודמיעסקאַ 21), מ. באַרטאָשעווסקי (פּיעטריקאָווער 95), י. קלופּשאַ (קאָנטנאַ 54), טשינסקי (ראָקיטשינער 53).

פון ארץ-ישראל-אמט

ה' לאַסקער יעקב פּייוועל דאַרף זיך ווענדען אין ארץ-ישראל אַמט, שרודמיעסקאַ 29 (אָפען פאַר אינטערעסאַנטען פון 10 ביז 1 פאַרמיטאָג) אין זיין אייגענעם ענין.

חבלי לידה אין א טויער

(2) אין טויער אויף זגערזשער 26 האָט פּלוצים בעקומען געבורטס-ווייען די 26-יאָהריגע סטאַניסלאַוואַ אַנרזשעיטשאַק (פון זגערזשער 118).

פּאָגאָטאָוויע האָט זי אָפּגעפיהרט אין דער מעכנערין-קליניק אויף שטערלינג-גאַס 13.

Dr.

Wolkowyski

4 ציגעל-גאַס 4, טעל. 216-90

נעהמט אָן אין הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע

אויפנאַהמס-שעה'ן פון 8-1 מיטאָג און 5-9 אָוונט.

5-טע אלפוילישע „התאחדות"-קאנפערענץ אין ווארשא

היינט זונטאג עפענט זיך אין ווארשא, די 5-טע לאנדס-קאנפערענץ פון התאחדות אין פוילען. אין דער דאזיגער קאנפערענץ בעטייליגט זיך צום ערשטען מאל אויך דעלעגאטען פון מזרח און מערב-גאליציען.

די ערעפנונג קומט פאר אין זאל פון קאנסערוואטאריום. אין דער ערעפנונג בעטייליגען זיך דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ה׳ נחום סאקאלאוו, דירע. פון קרן-היסוד אין ירושלים ה׳ לייב יפה און דעלעגירטע פון קרן-קימת אין פוילען ה׳ ביסטריצקי.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער קאנפערענץ, איז אין לאדזער „התאחדות" פארגעקומען א אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג מיטן צוועק צו וועהלען דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ.

נאך אנ׳אויספיהרליכע דיסקוסיע ווערען אלס דעלעגאטען און קאנדידאטען געוועהלט די ה"ה: יוסף לוי, ד"ר ב. לערכענפעלד, אליעזר הדס, ד"ר ז. עלענבערג, ג. ליכטענשטיין, ד"ר ה. בערלאס, איגוס, פ. לינדער, ז. ווינער, ז. וויניארסקי, ח. סאלניק, נ. סאור, צדוו. ש. שאיעוויטש, מ. ראסין, מ. שטראסבערג, הלל פרענקעל און ספינקא משה.

זיך צוגעבראכען א פוס אויפ׳ן גליטש

(2) נעכטען האט אויף ריבנא גאס, בעטען 3/5 אויסגעגליטשט און זיך צוגעבראכען דעם רעכטען פוס דער 25-יעהריגער אריה לייב ליפינסקי (פון פאלודניאווע 13).

פאגאטאוויע האט איהם ערטיילט ערשטע הילף און אפגעפיהרט אהיים

דעם סמרווש פון דעם הויז האט פאליציי צוגעפגעשטעלט א פראטאקאל פארן נישט בעשיטען דעם טראטואר מיט זאמד.

זעלבסטמארדע מחמת נויט

(2) נעכטען האט זיך אויף קאטערניקא 79 גע׳סמ׳ט מיט עסיג-עסענץ דער 37-יעהריגער שמעון לושטשאק — אנ׳ארבייטסלאזער.

אין א שווערען צושטאנד האט מען איהם אפגעפיהרט אין ראדאגאשטער שפיטאל.

* * *

(2) אין טוישער אויף פאגאנסקא 5 האט זיך גע׳סמ׳ט די 29-יעהריגע פילאמענא בושפוזינסקא. (פון קראקאווסקא 2).

פאגאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אין שפיטאל אויף זאגעיניקאווע.

ד"ר העלער
ספעצ. פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע
8 טראוגוטא 8, טעל. 179-89
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונט.
זונטאג פון 11—2 מיטאג.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.
אונבעמיטעלטע — לעמשניצע-פרייזן

אנשטאט ניי-יאהר-גראטולאציעס

שפענדען פאר ארבייטסלאזע

אנשטאט ניי-יאהר - גראטולאציעס, האבען געשפענדעט לטובת׳ן ארבייטס-פאנד פאלגענדע פערזאנען:

אינספעקטאר פעטלאשינסקי 5 זל. וויצע-פרעזעס פון קרייז-געריכט שווידערסקא — 10 זל. קאפ. ביוקאווסקי 5 זל. קאמיסאר מיקולא דאמיניק 2 זל. וואיעוואדישער קאמענדאנט דר. טארווינסקי — 10 זל. אינזש. ראו — 20 זל. פולקאווניק אלפרעד פאגעל — 10 זל. דר. ווייליאנד — 5 זל. דיר. מאטישעק 10 זל. צוזאמען 77 זל.

אויף די תנאות גיט דער לאקאל-קאמיטעט פון ארבייטסלאזען פאנד ארויס פאר די ארבייטס-לאזע יום-טובדיגע מיטאגען און פוטער-סטרוצלעס.

שווער פערוואונדעט 2 מענשען

בעת א צוזאמענשטויס פון א צוג מיט א פורמאנקע

(2) נעכטען אינדערפריה איז נעבען דער סטאציע בלאשקי (קאלישער קרייז) א צוג מיט׳ן גאנצען אימפעט ארויף אויף א פוירישע פוהרעל, וואס איז געפאהרען אויף די שינעס.

דאס פערד איז דערהרגעט געווארען אויף טויט, און 2 מענשען זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

זייערע נעמען זענען: מיכאל זאבלאצקי און סטעפאן קאשליק.

מען האט זיי אפגעפירט שפיטאל.

פערמיטלונג אין האנדעל צווישען פוילען און יוגאסלאוויען

וועט בעזייטיגט ווערען

די לאדזער האנדעלס-קאמער טיילט מיט, אז דער פויליש-יוגאסלאווישער ווירטשאפטליכער קאמיטעט אין בעלגראד, האט אנגענומען א בעשלוס, לויט וועלכען ס׳וועלען אויסגעשלאסען ווערען פון קאמפענסאציע-אומזאץ די פוילישע פירמעס, וואס פערקויפען זייערע אויסארבייטונגען, נישט דירעקט פון פוילען׳ נאר דורך ווינער און בודאפעשטער פערמיטלונגס-ביורא׳ס.

דער זעלבער קאמיטעט ווירט נישט די רעכנונגען פון יוגאסלאווישע פירמעס, וואס האנדלען מיט פוילען נישט דירעקט נאר דורך פערמיטלונג פון ווין אדער בודאפעשט.

פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

עס איז פארגעקומען א זיצונג פון ציוניסטישען קאמיטעט. דעם פארזיץ האט געפיהרט דעפ. ד"ר ראזענבלאט, וועלכער האט זיך בעטייליגט אין דער זיצונג צום ערשטען מאל נאך זיין געזונד ווערן. ה׳ ראקאוויטש דריקט אויס אין נאמען פון גאנצען קאמיטעט זיין פרייד צוליב׳ן געזונד ווערען פון ד"ר ראזענבלאט נאכן אומגליקספאל וואס איהם האט זיך געטראפען אין פאריז און צוליב זיין צוריקקומען צו דער נארמאלער ציוניסטישער טעטיגקייט.

אין צוזאמענהאנג מיט די פראגען, וואס שטעהען אויף דער טאג-ארדנונג פון דער נאענטסטער סעסיע פון ציוניסטישען פארטיי-ראט אין פוילען — די עליה-בעגרענצונגען, וואהלען צו די שטאט-ראטען, די לאגע אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א. א.—האט זיך ענטוויקעלט א ברייטע דעבאטע בנוגע די דירעקטיוועען פאר די מיטגלידער פון פארטיי-ראט. אין דער דיסקוסיע בעטייליגען זיך די ה"ה: דעפ. דר. ראזענבלאט, רעד. איגער, שאפירא, מאג. ראגאזשינסקי, קארא, לובלינסקי, ליפווין, לימאן א.א. א.א. ווערט בעזונדערס אונטערגעשטראכען די נויטווענדיגקייט פון א פולשטענדיגער קאנסאלידאציע פון די פערשידענע ברופירונגען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין קאנגרעס-פוילען גופא און שפעטער די אוני-פיקאציע פון די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין קאנגרעס פוילען, מערב און מזרח-גאליציען. אין דער דיסקוסיע ווערען אויך ארומגערעדט די פראגען פון דער לאנדעס-פאליטיק און עס ווערט בעריהרט די מעגליכע שטעלונג און טאקטיק ביי די בעפארשטעהענדע שטאטראט-וואהלען.

דערויף גיט אב ה׳ אשר קאלארני, דער דעלעגירטער פון „קרן היסוד" דירעקטאריום אין ירושלים, א בעריכט וועגען גאנג פון היי-יאהריגן קרן-היסוד-קאמפיין, וועלכער איז פראקלאמירט געווארען אין אונזער שטאט דורך פרעזידענט נחום סאקאלאוו. ווי עס איז צו זעהען פון בעריכט, איז דער פערלויף פון דער אקציע א גינסטיגע. ה׳ קאלארני פאדערט אויף די ציוניסטישע עסקנים מיטצוהעלפען איהם אין דער זאמעל-ארבייט, ווייל נאר פון אידיהם איז אבהענגיג דער ערפאלג פון דער אקציע.

צולעצט ווערט נאך בעשלאסען איינצוארדנען א גרויסע פראטעסט-פערזאמלונג אין צוזאמענהאנג מיט די עליה-בעגרענצונגען און די גזירות געגען די טוריסטען.

דער מארגענשטערן-ווינטער-טורן-פעסט

די פארבערייטונגען צום ווינטער-טורן-פעסט פון מארגענשטערן זענען שוין כמעט, ווי פערענדיגט. נעכטען אוונד איז אין פילהארמאניע-זאל פארגעקומען די גענעראל-פראבע פון אלע פעסט-נומערן, וועלכע זענען ארויסגעקומען אויסערגעוועהנליך אימפאזאנט. אויפ׳ן ערשטען ארט געהט דער פעסטשפיל — א מאסען-איבונגען, וואס אילוסטרירט די געשעהענישען אין דייטשלאנד, יעדע גרופע פון דער דייטשער געזעלשאפט: ארבייטער, היטלעריסטען א. אנד. ברענגען דורך איבונגען צום אויסדרוק זייער לאגע. דער פעסטשפיל ווערט פערענדיגט מיט אנ׳אלגעמיינעם טריומף-מארש פון די אונטערדריקטע שיכטען אין איצטיגען דייטשלאנד.

א חוץ דעם בעטייליגט זיך יעדע גרופע מיט ספעציעלע מוסטער-גימנאסטיק. די פרויען טרעטען ארויס מיט היימערקייטס-איבונגען, פערבונדען מיט ריטמישע טענץ, אויך מעלאדיען פון פאפולערע פאלקסלידער.

די קינדער וועלען אויף דער סצענע ארויספירען זייערע קינדערישע שטיפערייען פערקערפערט און פיין אויסגעפיהרטע איבונגען.

אלע ספארט נומערן ווערען בעגלייט פון א סימפאנישען ארקעסטער. צו די איבונגען זענען אויך צוגעפאסט ספעציעל פארביגע קאסטיומען.

פעראיימטע שניידערין

ווארפט זיך אראפ פון דריטען שטאק און ווערט דער׳הרג׳עט

(2) עהערנעכטען אין אוונט האט זיך ארונטערגעווארפען פון 3-טען שטאק די 38-יאהריגע שניידערין לאורא ווערנער (נאווראט 56).

די סיבה פונם זעלבסטמארד איז ארבייטסלאזיגקייט און נויט.

זי איז דער׳הרג׳עט געווארען אויפ׳ן ארט.

Varieteé-Dancing
TABARIN
Narutowicza 20.
יו"ט׳דיגער פראגראם פון אטראקציעס
4 BRAUN
4 FERNANDO
3 HARRYS
LEO SPARI
ווי אויך דער אויסגעצייכענטער ארקעסטער
„The Weinroth Band"
טעגליך פון 5—8 „Five" קאנסומציע 80 גר.
ארטיסטישע אויפטריטען 10 א זייגער.
קאבארעט-דאנסינג
מיר לאדען איין אויף די פרייליכסטע
סילוועסטער-נאכט
אין „טאבארין"!
א ים פון איבעראשונגען!
מ׳בעט צו רעזערווירען טישלעך.

ר. איזראעל

דירעקטאר אדאלף גאלד

סענסאציאנעל-שפאנענדער ראמאן פון יודישען לעבען

121

באנעצקי, דער גראף און פרוי ראזען זענען שוין געווען אויף דער פוילישער טעריטאריע. אלע דריי זענען געווען אונרוהיג. באנעצקי האט געטראכט וועגען דעם ווי אזוי דאס אלץ וועט זיך ענדיגען, וואס פארא נאמען ער וועט בעקומען אין די פאליציאישע קרייזען, ער האט אויך געטראכט וועגען זיך אליין. צי וועט פרוי ראזען, ווען זי וועט זיך אויסהיילען פון איהר זאפבאז, מסכים זיין צו בלייבען זיינע אויף אייביג איינע, ווי אזוי וועט האנדלען הערמאן טאובע, צי וועט ער, אפראטעוועגדיג דעם דירעקטאר גאלד ביי איהם גליכצייטיג צונעהמען זיין ליבע, זיין פרוי, זיין פאמיליען-לעבען. די אלע געדאנקען האבען זיך איהם געשלאגעט אין קאפ. ער האט געוואלט בעקומען אנ׳ענטפער אויף זיי, אבער דאס איז נאך געווע פריהצייטיג.

דער גראף ראשעוויטש האט באמת אויפריכטיג איבערגעלעבט אלץ, וואס איז מיט איהם פארגעקומען, ער איז נאך נישט געקומען צו זיך. איהם האט זיך געדוכט, אז אלץ וואס ער האט געטון איז געווען נישט בעוואוסטזיניג, אז ער האט זיך געפונען אונטער אימיצענס שטארקען איינפלוס, אז אימיצער האט געקירעוועט מיט זיין האנד און מוח און האט נישט געגלויבט, אז ער האט שוין אלץ הינטער זיך.

פרוי ראזען האט גארנישט פערשטאנען און זי האט געמאכט דעם איינדרוק אזוי ווי זי וואלט גארנישט געוואלט פערשטעהן, זי איז צו אלעם געווען גלייכגילטיג.

אין א געוועזישען שמועס האבען זיי זיך דערגעהנטערט צו דער פאבריקס-שטאט לאדז. פון דערוויילענס האט מען שוין געזעהען די הונדערטער קוימענס, וועלכע האבען זיך אזוי ווי אויפגעהויבען איבער די טויזענטער הייזער און געשפיגען מיט רויך און סאזשע, אזוי ווי ביינערנע הענד און פיס וואלט ארויסגעשטיגען פון דעם מעכטיגען ארויגים און געוואלט אלץ ארומנעהמען און צוקוועטשען.

באנעצקי איז געשטאנען ביים פענסטער פער טראכט. איצט האט ער אויך שוין געהאט אלץ הינטער זיך, איצט האט ער געטראכט וועגען זיין אייגענעם לעבען. ווייניג גליקליכע און צופרידענע טעג האט ער געהאט, איצט האט זיך איהם געדוכט, אז ער האט געפונען דעם ריכטיגען וועג, ס׳האט איהם געצויגען אין די הימלען, אין דער וועלט פון גליק, פון פערגעסען זיך. דאס האט ער גאר געקענט דערגרייכען דורך דער פרוי ראזען, מיט וועלכער ער איז געווען אזוי לאנג צוזאמען, אבער דאך אזוי ווייט פון איהר... ווי אזוי וועט ער ווייטער האנדלען און דער עיקר — ווי אזוי וועט זי האנדלען, ווען זי וועט זיך איבערוועקען פון דעם לעטארגישען שלאף, וועלכען זי געפינט זיך איצט.

די געדאנקען האט איהם איבערגעריסען א שטארקער טרייסעל פון צוג, וועלכער איז האסטיג צוגעפאהרען צו דער סטאציע און מיטאמאל זיך אפגעשטעלט.

באנעצקי האט גענומען זיין קליינעם באגאזש און איז ארויס צוזאמען מיט דער פרוי ראזען. ראשעוויטש איז ווייטער געפאהרען און זיך האסטיג געזעגענט מיט באנעצקין.

— איך ווינש דיר דעם בעסטען ערפאלג אין דיין ווייטערדיגער ארבייט, אבער איך וואלט דיר געראטען דיך צו בעהעמען צו אנ׳אנדער פאך, צו רגהיגערן און ווייניגער רידזיקאלישען.

— ס׳איז מעגליך, אז איך וועל דיך פאלגען. ס׳איז גארנישט אויסגעשלאסען, אויב...

— וואס פארא פארבעהאלט האסט דו נאך צו דעם?

— אויב מיינע פלענער וועלען פערווירקליכט ווערען אויף דעם אופן, ווי איך שטעל זיך דאס פאר.

— איך ווינש דיר דאס מיט׳ן גאנצען הארצען.

באנעצקי האט געטראכט וועגען דעם, וואס צו טון מיט דער פרוי ראזען, וואו זאל ער זי אהיבטון? ער האט פריהער געהאט אין זינען גלייך מיט איהר צו פאהרען אין דער פאליציי, כדי קלאר אויסצושטעלען אלע פראגען. שפעטער האט ער זיך אבער בערעכענט, אז ס׳וואלט כדאי געווען, אז ער אליין אהן שום הילף זאל פערענדיגען דעם ענין. ס׳האט אויך געקענט זיין א מעגליכקייט אז מ׳זאל אפילו קאליע מאכען אלץ, וועלכעס ער האט אזוי שווער אויסגעארבייט. דעריבער האט ער זיך דעצידירט גלייך פון דער באהן דער פרוי ראזען צו פערפאהרען צו הערמאן טאובע אין דער פריהער וואוינונג. ס׳איז נאך געווען זאגען פריה, דעריבער איז ער געווען זיכער, אז זי איז נאך איצט אין שטוב, אזוי איז טאקע געווען. טאובע האט זיך געריכט נאך דער טעלעגראמע, וואס ער האט בעקומען, אז באנעצקי וועט קומען אין דער צייט, ער האט אבער נישט געוואוסט, אז ער וועט קומען צו איהם גלייך. יעדענפאלס איז דאס פאר איהם נישט געווען קיין איבעראשונג. מעהר איבעראשונג איז געווען, פאר איהם ווען ער האט דערזעהען באנעצקין אין דער געזעלשאפט פון דער פרוי ראזען, וועלכע ער האט גוט געקענט נאך פון אלטע צייטען, זי האט געשטאמט פון דעם זעלבען יוגענד-קרייז, וואס ער, פון באנעצקין האט טאקע זיך דערוואוסט, אז די פרוי איז אזוי גוט ווי דער דירעקטאר גאלד, אויך נישט שולדיג אין דעם, אין וואס מען בעשולדיגט זי, הגם ס׳איז געווען אהן ספק, אז זי איז מיט איהר אייגענע הענד בעגאנגען א שוידערליכען מארד, אז זי האט דערשטיקט אויף טויט דעם פאבריקאנט ווייס און הגם זי האט זיך אין דעם פערברעכען אהן שום צוואנג מודה געווען. דעריבער האט טאובע אויפגענומען די פרוי ראזען מיט דער זעלבער העפליכקייט, ווי ער איז דאס שטענדיג געוואוינט געווען. די פרוי ראזען האט זיך אפילו נישט ארומגעקוקט, וואו זי געפינט זיך, הגם זי האט טאובען באלד דערקענט און מיט א שמייכעל אויף די ליפען זיך מיט איהם בעגריסט.

באנעצקי איז באלד צוגעטרעטען צום ענין און געפרעגט.

— ווי האלטען מיר עפעס אין דער וועלט?

— דאס, וואלט איך פון אייך געוואלט וויסען, איך בין דא די לעצטע טעג געווען איבערגעצען אונטעטיג. איך האב געפאלגט אלץ, וואס איהר האט אין אייערע בריף געהייסען טון. דייט די געשיכטע ווען ביוטא ווייס האט געהאט אין זינען מיך אוועקצושיקען אויף יענער וועלט אונטער דער ווירקונג פון אויסווארף גערסאן, זייט איך רוהיג איך שטעה און וואר׳ט ביז איהר וועט מיר מיטטיילען, וואס איך האב ווייטער צו טון.

— גוט, אזוי האט איהר געטון, אנדערש דאס נישט געקענט זיין. מיר וואלטען נאר געקענט קאליע מאכען דאס וואס מיר האבען אזוי שווער אויס געהארעוועט. איצט וועט שוין אלץ געהן גלייך. איך וועל זיך נאר זעהען מיט מיינע מענשען, ביי וועמען ס׳געפינען זיך די דאקומענטען און דאן וועלען מיר צוזאמען בעשליסען. באנעצקי דאס גענומען דאס טעלעפאן-טרייבעל אין האנד ...

(פארטזעצונג קומט)

„דער פראבלעם פון פעראיינהייטליכן דעם אינדוסטריע-שטייער"

אין פערלאג פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער איז ערשינען א בוך א. נ. „דאס פראבלעם פון פעראיינהייטליכן דעם אינדוסטריע-שטייער" פון וויצע-דירעקטאר פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער, דר. ה. זאנד.

אין דעם בוך גיט דער מחבר גענויע אינ-פארמאציעס וועגן די פרובען פון דעם פעראיינהייטליכן דעם אינדוסטריע-שטייער און אנדערע אינטערעסאנטע ארבייטען.

דאס בוך פאר 8 זל. איז צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען.

חנוכה-פייערונג אין דער רעאל-גימנאזיע

די מאדערנע פעדאגאגיק שטעלט זיך קאטע-גאריש אקעגען דעם סיסטעם פון יעהרליכע עקזא-מענס פאר די שילער. די עקזאמענס גיבען נישט דעם רעזולטאט, וועלכען מען ערווארט פון זיי. די ענטפערן פון די שילער זענען צופעליגע, דערביי איז די אטמאספערע ביי די עקזאמענס שטענדיג אנ-אנגעשטרענגטע און נערוועזישע און ברענגען צו אנטאגאניזמען און פשוטער שנאה צווישען די שי-לער און פון די שילער צו די לעהרער.

די גימנאזיע ביי דער געזעלשאפט צו פער-שפרייטען טעכנישע וויסענשאפטען צווישען יודען (פאמארסקא 48) האט פערשטאנען ווי אזוי צו עק-זאמינירען די שילער אין אן'אטמאספער פון פרעה-ליכקייט און שפילען זיך פאר די אויגען פון לעה-רער-פערזאנאל און די עלטערן און גלייכצייטיג אפ-צוגעבען א דין - וחשבון פון דער ארבייט, וועלכע די פעדאגאגען פיהרען אויס אין פערלויף פון יאר.

מיר האבען בייגעוואוינט די פייערונג אין דער דערמאנטער שול ביים סוף פון האלבען שול-יאר, וועלכער פאלט אויס חנוכה-צייט. אויף דער דאזיגער פייערונג האבען טאקע די שילער פון די יונגסטע ביז די עלטסטע בעוויזען פאר זייערע פערזאמעלטע עלטערן דאס וואס זיי האבען אין זיך אריינגע-זאפט אין זייערע קלאסען, וואס זיי האבען איבער-בעקומען פון זייערע ערציהער און לעהרער.

פייערליך האט עס אויסגעזעהן אין דעם גרויסען שעהנעם גימנאסטישען זאל אין אייגענעם בנין וואו ביי סערווירטע טישען האבען די שילער גע-זונגען, געטאנצט און געווען פרעהליך ביז גאר. אבער אין דער צווישען-צייט זענען פאר די אויגען פון די פערזאמעלטע עלטערן פערבייגעגאנגען איינ-צעלנע און גרופען שילער מיט רעפעראטען, דעק-לאמאציעס, סצענעס, בילדער און שפילען. פון דעם יונגסטען שילערל העננעלעוויטש, וועלכער האט אזוי מתיקותדיג געצינדען חנוכה-ליכט און דעקלאמירט, ביז דעם גלענצענדען אייגענעם רעפעראט וועגען חנוכה פון שילער ארנער פון 8-טן קלאס גימנאזיום דער כאר, דער ארקעסטער, אלץ איז געווארען איינ-שטודירט, מיט אזויפיל פיינקייט אויסגעפיהרט, מיט אזוי פיל זארג פאר שפראך, האלטונג און וויסען, אז דאס איז געווען דער בעסטער עקזאמען פון די קענטעניסען פון די שילער און דער בעריכט פון דער דירעקציע און לעהרער-פערזאנאל פאר די על-טערן.

ר.

רעפעראט פון מארק טורקאוו „מארגען וועלכע קריג"

ווי מיר האבען שוין געמאלדען וועט דעם מיט-וואך 9 אווענד האלטען אין פילהארמאניע זאל דער בעקאנטער יודישער זשורנאליסט פון ווארשא רעד. מארק טורקאוו א העכסט סענסאציאנעלען רע-פעראט אד"ט: „מארגען וועלכע קריג".

מארק טורקאוו איז א גלענצענדער רעדנער און אין זיין רעפעראט וועט ער דערציילען אינטער-רעסאנטע איינדרוקען פון זשענעווע, פון פעלקער-בונד, וואו עס ווערט געשמידט די וועלט-פאליטיק.

אין זיין אינטערעסאנטען רעפעראט וועט מארק טורקאוו בעריהרען פאלגענדע טעמען: דער פעל-קער-בונד פון שטרעזעמאנען ביז היטלערן, מלחמה העצער, וואס פרעדיגען שלום און „פאציפיסטען", וואס גרייטען צו א מלחמה. די האקענקרייץ אין'ם פעלקער-בונד, פנים אל פנים מיט געבעלסן, די יודישע לאגע אין דייטשלאנד, אין דאס געוויסען פון דער וועלט, יודישע דיפלאמאטיע און יודישער גורל, דער רב פון אויסטראליען און דער היטלער-מיניסטער, 316 מיניסטארען, אייראפא, דו ביזט פערלוירען.... צי געפינען מיר זיך טאקע ערב א נייעם מלחמה?

דער רעפעראט פון מארק טורקאוו פערשפרעכט צו זיין זעהר אינטערעסאנט און וועט זיכער אריך מיט ערפאלג.

פון דער ישיבה „בית-יוסף"

היינט, זונטאג, אווענד קומט פאר אין וואהד-ליבער שוהל (וואולטשאנסקא 6) א פייערונג צוליב דער ערעפענונג פון דער נאוואהרודקער ישיבה אין לאדז, מיט דער בעטייליגונג פון ראבינאט און קהלה.

Dr. med. J. BETTE

ספעציאליסט פון אינערל. און קינדער-קראנקה.

צוריקגעקעהרט

Piotrkowska 6, tel. 144-95

נעמט אן פון 8 ביז 11 פריה און פון 6-8 אוו.

Dr. med. H. LUBICZ

ספעציאליסט פאר וועגערישע און געשלעכטס-קראנק.

צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32.

נעהמט אן פון 8-10 פריה, פון 12-2 נאכמ. און פון 5-8 אווענד. זונטאג פון 9-11 בייטאג.

אומגליקספאל ביי דער ארבייט

(2) אין דער פאבריק פון דער „ווידזעווער מאנופאקטור" איז נעכטען פארגעקומען אן'אומגליקס-פאל מיט דעם ארבייטער יאן לאטקאווסקי. די מא-שין האט איהם אפגעריסען א האנט ביז'ן עלענ-בויגען.

אין א שווערען צושטאנד איז ער אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל פון דער קראנקען-קאסע.

קאנצערט פון פילהארמאנישען ארקעסטער

דינסטאג, 3.30 נאכמיטאג, קומט פאר אין פילהארמאניע זאל צום ערשטען מאל אין הייריגען סעזאן א קאנצערט פון לאדזער פילהארמא-נישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון די זעהר בעליבטע דיריגענטען בראניסלאו שולץ און יוסף זאקס.

אלס סאליסטען טרעטען ארויס: דער בעריהמ-טער פידלער מיעטשיסלאוו שטיגליץ און דאס גרויסע געמישטע כאר פון דער געזעלשאפט „הזמיר" וועלכע וועלען אין בעגלייטונג פון פילהארמאנישען ארקעסטער אויספיהרען מענדעלזאהנס „ערשטע וואל פורגיס נאכט פון דער אפערע נומער 60.

דער בעריהמטער פידלער וועט אויספיהרען טשייקאווסקיס 6-טע סימפאניע (פאטעטישנא) און מענדעלזאהנס פידעל-קאנצערט.

יודען געדענקט!

היטלערישע באנדעס פייניגען אייערע ברידער אין דייטשלאנד

אייער געוועהר געגען זיי איז באיקאט אויף סחורות פון דייטשלאנד!

ראדיא-פראגראם

זונטאג, ד. 24 דעצעמבער 1933

9,00 צייט סיגנאל, 9.05 גימנאסטיק, 9.20 גראמאפאן, 9.50 הויזווירטשאפט, 10,00 נאטעס-דינסט, 11,57 צייט-סיגנאל, 12,10 קאמוניקאט, 12,15 סימפאנישער פריהמארגען „לאדז געהט נישט אונטער" — רעפעראט פון רעדאקטאר קאל-טאנסקי, 2,20 אוידיציע, 4,00 פראגראם פאר קינ-דער, 4.30 פערטעלשעה פון בעריהמטע ארטיסטען, 4,45 ליטעראַרישע פערטעלשעה, 5,00 רעפעראט, 5,15 רעליגיעזע קאנצערטען, 6,40 לידער-קאנ-צערט, 7,05 ספארט-ידיעות, 7,10 פערשידענעס, 7,30 פאר יוגענד, 7,45 רעפערטוארען פון די טעאטערן, קאמוניקאטען פון לאדז, 7,50 סימפ. קאנצערט, 8,50 אווענד-ידיעות 9,00 מעליצטאן, 9,15 סימפ. קאנצערט, 10.00 „אויף די לעמבער-גער פרעהליכע כוואליעס", 11,00 גראמאפאן, 12,00 טראנסמיסיע פון ווילנע.

*

פון אויסלאנד

3,40 פאריז — אפערעטקע, 8,40 רוים — סימפ. קאנצערט, 9.00 דאווענטרי — קאנצערט, 10,20 לאנדאן — ווייגאכטס-אראטאריום פון באך

DR. MED.

H. Różaner

הויט, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכ

NARUTOWICZA 9, tel. 128-98.

עמפפאנגט פון 8-10 און פון 5-8 אוו.

מעלדונגען

געזעלשאפט קולטור-ליגע, לאדז.

די טעאטראל ארטיסטישע אפטיילונג גיט ארויס בנחה בילעטען אין שטאטישען טעאטער אויף היינט זונטאג, ווי אויך אויף אלע יום טוב-טעג. צו בילליגע פרייזען.

הנחה-בילעטען אין קינאס.

די אפטיילונג גיט ארויס הנחה בילעטען אין די בעסטע קינאס ביי אונז אין שטאט. די בילעטען זענען גילטיג אויף שבת און זונטאג און יום טוב הנחות אויף אלע ערטער און אויף אלע פלעצער.

פאלקס אוניווערזיטעט.

היינט, זונטאג, 8 אוו. וויטערדיגע לעקציע פון ח' ווידראווסקי פון ציקל: ליטעראטור. די לעקציעס קען מען פאר פינקטליך. דער אפצאהל איז א מינימאלער.

שפראך-קורסען.

ס'ווערען נאך אנגענומען איינשרייבונגען אויפן קורס פון ענגליש, פראנצויזיש און רוסיש. דער אפצאהל פאר א גאנצען קורס איז 10 זל. איינשרייב געלט 1 זל.

עספעראנטע קורס פאר אנפאנגער.

די עספעראנטע סעקציע ביי דער געז. „קולטור-ליגע" ארגאניזירט א עספעראנטע קורס פאר אנפאנגער. דער קורס דויערט 3 חדשים. דער אפצאהל פארן גאנצען קורס איז פינף זל. איינשרייב-געלט באר 50 גראשען.

איינשרייבונגען אויף די קלאסען אין זאקאפאנע.

די לאדזער אפטיילונג נעמט אן איינשרייבונגען אויף דער „קולטור-ליגע" אין זאקאפאנע. דער באהעבסטער אפפאהר פון דער גרופע קומט פאר דעם 1 יאנואר 1934. איינשרייבען זיך קאן מען אויף 10 טעג, 2, וואכען 3, וואכען און 4 וואכען.

די אפטיילונג פאר טוריסטיק און לאנדקענטעניש ארגאניזירט אן'אויספלוג: היינט 10 פריה אין א. י. פ. ס. זאמעל-פונקט אין קולטור ליגע זאכאדניע 68.

הנחה-בילעטען. איינשרייבונגען און אינפארמאציעס יעדען טאג אין סעקרעטאריאט פון קולטור-ליגע זאכאדניע 68 (פראנט פארטער) טעל. 191-15 פון 10 ביז 3 און פון 4.30 ביז 9.30 אווענט.

גרויסע הנחות אין שטאטישען טעאטער.

ביבליאטעק א.נ. ב. באראכאוו, אל. קאשטשושקי 9.

די קולטור קאמיסיע ביי דער בארא כאוו-ביבליא-טעק, אל. קאשטשושקי 9 גיט ארויס ספעציעלע הנחה בילעטען אין שטאטישען טעאטער.

די הנחות זענען זעהר גרויסע און זענען ספע-ציעל צוגעפאסט פאר דער ברייטער מאסע.

הנחה-בילעטען אין די קינאס און אויף קאנצערטען.

די הנחות זענען זעהר בעדייטענדע און זענען גילטיג אויף אלע טעג אויסער שבתים.

די בילעטען אין טעאטער און קינאס קאן מען בעקומען אין דער ביבליאטעק טעגליך פון 10 פריה ביז 2 נאכמ. און פון 4 ביז 10 אווענד.

—=:00:=—

ביליגער ווי איבעראל

שנעל און רעעלער

וואשט, פארבט און פוצט אהן שעדליכע מיטלען אלערליי אנצוגען, פאלטאס, קליידער, סוועטערס אויך וועש

די יודישע כעמישע וועשעריי און פארבעריי

„עריקא"

2 מלינארסקא 2 (ביים ראג בזשעזשינער).

פון 4 זל. א ווינטער-פאלטא, פון 1.50 זל. א קלייד, פון 80 גר. ביז 1.20 א סוועטער, 15 גר. א קאלנער, פון 50 גר. אנ'אונטערהעמד. ס'ווערט געפארבט אלערליי דאמען- און הערען-גארדעראבען.

ווערקשטעל פון שירמס און שפאציר-שטעקענס

ס. פייגענבוים

לאדז, נארוטאוויטשא 19

עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען- און מענער-שירמס און שטעקענס צו קאנקורענץ-פרייזען. נעהמט אן אלערליי רעפעראטורען פון שירמס און שטעקענס.

אויך צו פערקויפען פלאשען און באטען.

לעזט און פערשפרייט דאס „נייע פאלקסבלאט"

שייטלען

מיט פאריזער שרינדען און פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקל. און רעעל אויסגעפיהרט אויך אנדולאציע און מאניקור

ביי קערש, סקווערנאווא 15

שלאסעריי-ארבייטען,

ווי אויך אויטאגענישע שווייסונגען, מעטאל-בעארבעטונגען, מא-שינען-טיילען פיהרט אויס בילינ

J. REDER, Łódź

קאנסטאנטינער 11/13

לעבער

צו וועש און הענט-שקעס ווערן געמאכט

שרודמיעסקא 8.

כירורגישער קאבינעט

Dra med.

M. Kantor

איז נעווארען איבערגעטראגען אויף זשעלאנא 5

טעל. 22-112

נעהמט אן פון 1-3 און פון 6-8 אוו.

רעטשניצע-פרייזען.

רענטגענירטע

קראנקען-שוועסטער

נעמט אן:

דיזשורען, מאסאזשן און איינשפריצונגען.

טעלעפאן 49-157

געזונט איז אנ'אוצער

Primeros

PREZERWATYWY

איז די גאראנטיע פארן געזונט

די שענסטע צירונג אין דער שטוב איז א שעהן בילד

דאס בעקומט איהר אמביליגסטען אין דער ערשטער ראהמען-פאבריק פון

י. צווייליך

נארוטאוויטשא 11

טעל. 153-85

ווי אויך אלערליי ראהמען צו גארדין-קאסטענס און שפיגלען צו טאפעטען.

„גן-עדן-פויגער"

Dolores del Rio

מיט'ן אנטייל פון JOEL MAC CREA
אנהייב 4.30 נאָכמיטאָג. — דער זאַל איז גוט בעהייצט.
נעכסטער יום-טוב-פּראָגראַם: „Urwis z Hiszpanji"

היינט און פאָלגענדע טעג
פּרעמירטע מיר! סימפאָניע
פון ליבע און טענק פון
King Vidor
רעזשי פון ענטוזיאַזם אויף די ווייטע אינזלען פון די צפון-ימים! פּראַכטיגע קרעאַציע פון דער לאַנג נישט-געזעהענער

קלאַנג-קינא CAPITOL

לעמבערגער רעוויע „Wesoła Choinka"

מיט'ן אנטייל פון דעם שטערן פון דער ווארשאַווער אָפּערעטקע
טעגליך 3 פאָרשט.: 4.30 6.30 און 9.30
פּרייזן פון די פּלעצער פון 50 גר. ביז 2.80
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע בײַם איינגאַנג.

היינט, — דעם 24 דעצעמבער און פאָלגענדע טעג!
גאַסט-אויפטריטען פון דער
LUCYNA MESSAL
אין דער שלאַגער-רעוויע א. ג.

Teatr „REX"

(ul. Kilińskiego 124)

12-ער שטריק-מאַשינען

80 ברייט

איך נעהם אָן קוואַליפיצירטע אַר-בייטער מיט אייגענע 12-ער שטריק-מאַשינען 80 ברייט, אונטער יצהרליכער גאַראַנטירטע אַרבייט. צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג. 6864

כירורגישער קאַבינעט

Dr. med. M.

Eljasberg

80 פּיעטריקאָווער 80
טעל. 117-87.
נעהמט אָן פון 3—5 נאָכמיטאָג.

LECZNICA

chorób uszu, nosa i gardła

מיט שטענדיגע בעטען
עס אָרדינירען די דאָקטוירים:
Dr. IMICH, Dr. WOŁYŃSKI
PIOTRKOWSKA 55
fr. I p., tel. 174-74.

וויכטיג פאר דאַמען
נאָר 2 זל. ווערען פאר איבערגע-מאַכט די פלעטער
היטען!
אויף גאַנץ נייע און אויף נייע היטען צו
3.50 געדענקט די אדרעס
„TOLA"
23 Żawadzka 23
II wejście parter.

דאַנקזאַגונג!

דערמיט דריק איך אויס מיין דאַנק דער פערזיכערונגס-געזעלשאַפט

„Europa" S. A. w Warszawie

(Oddział w Łodzi, 6-go Sierpnia 4)

פאר'ן שנעלען אויסצאָהלען מיר די פערזיכערונגס-סומע פון

3000 דאָלאַר אין גאָלד

פון דער פּאָליסע נומער 14276, לויט וועלכער ס'איז געווען פערזיכערט דער פערשטאָר-בענער אברהם הערש מאַרקאָוויטש.

(—) **M. MARKOWICZ**, Łódź, Narutowicza 58.

לאָדז, דעם 19 דעצעמבער 1933.

Dr. med.

Z. Datyner

אוראָלאָג
ספּעצ. פאר נירען, בלאָז און אורין-קראַנקה.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אָן פון 2—3 און פון 6—8 אָוו.

היינט ערעפנונג!

אויף פּיעטריקאָווער 59
געוו. „Rogów"
פון גרעסטן אַנאַטאָמיש-פּאַטאָלאָגישען

מוזעאום

וואָס בעזיצט 6 אָפּטיילונגען, איבער 1000 עקספּאָנאַטען, זעלטענע נאַטור ערשיינונגען פון דער וועלט ווי: צווייי צוזאַמענגעוואַקסענע קינדער (Sjami) א ציקלאָפּ מיט איין אויג, א קינד מיט 2 פּנימ'ער א. ז. וו.
אָפען טעגליך פון 11 פריה ביז 11 אָוו.
איינטריט נאָר 50 גר.

וויכטיג פאר סוחרים און ווידער-פערקויפער פון טריקאָ-וועש!

מיר עמפּפעהלען אין א גרויסען אויסוואַהל אין די מאָדערנסטע קוואַליטעטען קאַמגאַרן, זיידענע און עלאַסטישע - MACO - אויסאַרבייטונגען און זעמטליכע דאַמען און קינדער-וועש, ווי: רעפאָרמען מאַטילקי, פיגי, טאָג-און נאַכט-העמדער, קאָמבינאַציעס האַלקעס א. ז. וו.

Wytwórnia trykotaży **„Hencora"** — wł. — A.Herszkorn
ŁÓDŹ, PIOTRKOWSKA 64.

באַמערקונג: אויסשליסליכער הורט-פערקויף

קריינע אנאנסען

1 זלאָטי אַנאָנסען ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

בוכהאַלטער און רוטינירטער ביזנעסמאַן מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק האָט נאָך אייניגע פרייע שטונדען. פאַר-אַנטוואָרטן די ביכער גאַראַנטיר איך מיט קויציע. פּרייזען מעסיגע. 6599
Leon Krell, Piotrkowska 86, m. 37

פאר 10 זל. א חודש לערנען מיר אויס גרונדליך און שנעל בוכהאַלטעריע (איינפאַכע און דאָפּעלטע). סטענאָגראַפיע קאָרעספּאָנדענץ (פּויליש, דייטש) און מאַשין-שרייבען. קילינסקיעגאָ 50 קוועראָפיצינע, 1 שטאָק. 6800

דיפּלאָמירטע פּיעלעגניאַרקע נעהמט אָן זאַסטרזיקען, מאַסאַזשען, אויך דיזשורירען. טעלעפאָן 118-94. 6740

צוליב'ן קריזיס נעהמט אָן אַן ערשט-קלאַסיגער דאַמען-שניידער בעשטעלט – פּאַלטענס און קאָסטיומען צו די ביליגסטע פּרייזען. ערשטקלאַסיגע אויספיהרונג. – שולץ, וואָסכאָדניא 49. 6928

מאָטאָרען

עלעקטרישע, נייע און גענוצטע, ביליגסטע בעצוגס-קוועלע! רעפּעראַטור ווערקשטעל, קאָלעקטאָרען און אַנלאַסערבויען אלער ארט עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס
Neon ליכטרוירען-רעקלאַמע
Ing. J. Reicher & Co.
28 Południowa 28, tel. 21-000.

עס ווערט גלייך געזוכט צו קויפען א מאָדערנעם וואָזעק. פאַנסקאַ 9, וו. 41 דער אָבצוגעבען אָפערטען אין אַדמינ. אונטער „Wózek". 6933

עס ווערט געזוכט צו קויפען א שליטען-מאַשין נומ' 12 און נומ' 13. פאָלודניאָווא 16, וואָהנ. 11. מעקלערס געווינשען. 6918

אַן אָבערלאָק מאַשין „אוניאָן" מיט אַן אויטלענדישען מאָטאָר פון דער פירמע „זינגער" פּרייזווירדיג צו פערקויפען. – פאָלודניאָווא 40. 9626

לאָקאַלען

3 צימער וואוינונג מיט זעמטליכע בעקוועהמליכקייטען, 1-טער שט. געגענד פּיעטריקאָווער ביי צעגעלניאַנאַ, זאָפאָרט צו פערמיטען. צו ערפאַהרען אין ביוראָ „Lokumpol" פּיעטריקאָווער 55. 6369

אָוועקצוגעבען א גרויס צימער פון 2 פענסטער, פּראָנט, פּאַרטער מיט א בע-זונדערן איינגאַנג פאַר א פּאַר-פאָלק אָדער אויף א ביוראָ. צו ערפאַהרען נאַוראָט 43, וואוינונג 2. 6934

צו פערמיטען א גרויס געוועלב מיט 2 פענסטער בזשעזשינער 57 A. צו ער-פאַהרען אויפ'ן אָרט ביי וואַרשאַווסקי און אויף זאַוואַדזקאַ 29, ביי וועגמאַן. מעק-לערס געווינשען. 6924

צוליב קראַנקהייט איז אָבצוגעבען א קויהלען-בודקע. צו ערפאַהרען אויפ'ן אָרט זשעלאַזנאַ 24. 6925

אַן אָרט צו שלאָפען קען בעקומען א פרויליין אָדער א יונגערמאַן. צו ערפאַהרען גדאַנסקאַ 20, וו. 30. 6369

Mieszkania z wygodami 4-pokojowe, 2-pokojowe do wynajęcia. Południowa 28, 11–1 pp.

א שטוב מיט א קיך שוין צו פער-דינגען אויף קאָנסטאַנטינער 58. צו ער-פאַהרען ביים וועכטער. 6847

פערשידענעס

דאַנקזאַגונג. דערמיט דריק איך אויס מיין דאַנק דער פרוי קעניגשטיין, ציגעל-גאַס 37. איך בין קראַנק געווען אויף בלאָז-קראַנקהייטען און נירען און ס'האָט מיך פיל געלט געקאָסט ביי דאָקטוירים. א דאַנק דער פרוי קעניגשטיין בין איך אין משך פון 5 וואָכען געזונד געוואָרען. איך ווינש איהר גרויס ערפאָלג.
פ. קאָפּלעוויטש, פאָלודניאָווא 28.

וויכטיג פאר א חברה

אָדער א בית-תפילה
אָוועקצוגעבען א לאָקאַל צו דאַווענען שבת פאַר א ביליגען פּרייז. פּלאַץ חאָלנאָשטשי (נייע שטאָט) 6 חדר „תורה ורת". מעקלערס געוואונשען.

Dr. med. **I. Gajst**

האָט זיך איבערגעצויגען אויף
זגערזשער 40, טעל. 119-45
נעמט אָן פון 10 ביז 11 און פון 5–6 אָוו.

כירורגישער קאַבינעט

Dr. med.

J. Szreiber

געפינט זיך יעצט אויף
Narutowicza 9 tel. 122-95
אָפּעראַציעס, אָפּאַטורונקען, הילס זשילאַקעס א. ט. וו.
נעמט אָן פון 2 ביז 3 און פון 7 ביז 8.30 אָוו.
לעמשעניצע-פּרייזען.

כירורגישער קאַבינעט

Dr. med. פון

A. FORSZANSKI

Piotrkowska 101
tel. 210-76
נעהמט אָן פון 1—2 און פון 5—7 אוונט
אָפּעראַציעס, אָפּאַטורונקס, קאַהרק, דיאַטערמיע א. ז. וו.
לעמשעניצע - פּרייזען.

Dr.

J. DOBROWOLSKI

choroby skórne i weneryczne
Nawrot 2, tel. 118-04.

Dr.

S. Kantor

ספּעציאַליסט פאר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
וואוינט יעצט
Piotrkowska 90, tel. 129-45
נעמט אָן פון 8—2 נאָכמ. און פון 4–9 אָוו., זונטאָג און יום-טוב פון 8–2 נאָכמ.

Dr. med. **Niewiażski**

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען. בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
אנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9 – 1 פאָרמיטאָג.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

זיכערע הילף און א רפואה!

אָהן אָפּעראַציע, אָהן בלוט, אָהן א מעסער און אָהן בלוט-פער-גיסונג פאַר קראַנקע אויף ברוכען, פאַר מענער, פרויען און קינדער, פערשידענע קאַליקעס אין נוֹיט, פאַר הויקערס אָהן פיס.

פערלאָזט נישט די קראַנקהייט, ווייל דער הינקעל-ברוך ווערט גרויס ווי א מענשען-קאָפּ, און עס פאַלט אַריין אין דעם פיס איז דער קראַנקער אין א גרויסער סכנה, דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער פערגיפט און שטאַרבליך. ספּעציעלע גומענע הייל-באַנדאַזשען בעזונדערס זיכער דעם שווערסטען ברוך, אויך פאַר הויקערס, לייטנגען ספּעציעלע הייל-גאַרטען און אַפּאַראַטען פאַר פערקרומטע פיס און פּלאַטפיס, ווי אויך קינסטליכע גומענע פיס.
עמפּפאַנגט טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אָוונט.

אַכטונג! זייט דעם ערשטען אָקטאָבער ד. י. ווערען אַלע קראַנקע אין מיין אָרטאָפּעדישע הייל-אַנשטאַלט נור פון מיר פערזענליך בעהאַנדעלט.

איינציגע אָרטאָפּעדישע הייל-אַנשטאַלט

Specialist Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped

פון לעמבערג

Łódź, Wólczańska 10, tel. 221-77, front, parter.

מיר נעהמען אויך אָן פערזיכערטע פון דער קראַנקען-קאַסע.

דאַנקזאַגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין דאַנקבאַרקייט דעם ה' דיר. י. ראַפּאַפּאָרט, וואוינהאַפט אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 10 (פראָנט, פּאַרטער) פאַר אויסקורירען מיך פון א געפעהרליכער ברוך-קראַנקהייט, וואָס האָט געדראָהט מיט'ן טויט. האַנט א דאַנק דעם פערלעגטען ספּעצ. אָרטאָפּעדישע הייל-באַנדאַזש און מיהוואָסער אַרבייט פון ה' דיר. י. ראַפּאַפּאָרט, איז דער ביי מיר שווערער ברוך אויסקורירט געוואָרען און בין געוואָרען געזונט, מיט איין וואָרט, אין מיין פאַל האָט דער ספּעציאַליסט איבעראַך גוטס בעוויזען.
אהרן מיכאלאוויטש. בלאַשקי, גורני רינעק 25.

אַנאָנסען-פּרייז פאר א מילימעטער-שורה
פאר'ן טעקסט ... פרייטאָג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט שפאַלטען
אין טעקסט—40 ... 60—
נאָכ'ן טעקסט—12 ... 18—
ליסטער דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער, אויסלאַנד 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א וואָרט

נעקראָלאָגען—20 גר. א מ/מ (אין דער זייט שפאַלטען) קלענע אַנאָנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס מיטעלווערטיגע וואָרט — 10 גר.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: אין לאָדז — 4 זלאָטעס א חודש מיט צושטעלן א היים. אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאַנד 7 זל. אמעריקע—1 דאָל.

רעדאַקציע, וועלכע ענדערן נישט פּרינציפּיעל דעם אינהאַלט פון דער אַנאָנס נישט צום איבערדרוקען די אַנאָנס אָדער צוריקצוצאָהלען פאַר דעם אַנאָנס

פאר'ן אינהאַלט און טער מין פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנט-וואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען מיטאָג און פרייטאָג

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 81.